STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05725

LIDER FUN FRIER UN FUN ITST

Mates Olitzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אַליצקי

לידער

פון פריִער און פון איצט

ביכער פון מ. אַליצקי:

אין פרעמדן לאַנד, לידער, דײַטשלאַנד, 1948.

פרייִלעכע טעג, לידער, אַרויסגעגעבן פונעם בילדונג־קאָמיטעט בײַם אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק, 1962. פרעמירט פון צבי קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד אין מעקסיקע.

לידער צו אַ ברודער (מיט ל. אַליצקי), פאַרלאַג נחמני, ישראל, 1964.

געקליבענע לידער, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1967. באַקומען די פרעמיע פאַר פּאָעזיע, עטאַבלירט בײַם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס און ייִדישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק.

לידער פאַר יוגנט, בילדונג־קאָמיטעט בײַם אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק, 1974. פרעמירט פונעם יעקב ווייסליץ־ און י. צימערמאַן ליטע־ראַטור־פאָנד אין סידנעי, אויסטראַליע.

לידער פון פריִער און פון איצט, פאַרלאַג „ישראל־בוך“, 1980.

מ. אָליצקי

לידער
פון פריִער און פון איצט

(אויך 11 אָפגעפונענע לידער פון ברוך אָליצקי)

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
תל-אביב תש"ם — 1980

מ. אָליצקי

לידער

פון פריִער און פון איצט

M. OLITSKY

POEMS

Past and Present

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך", תּל־אביב, רח' איתמר בן־אבי 4

Printed in Israel 1980 נדפס בישראל

דפוס „להב" בע"מ, תּל־אביב, רח' המסגר 60

לידער פון פריִער און פון איצט

אָוונט

די לעצטע שעהען גייען אָפּ אין שקיעה.
ווי טרויעריק און באַנג איז דאָס פאַרגיין
פון טאָג. רויטע וועלטן בליִען און פאַרבליִען,
און לאָזן מיטן טרויער מיך אַליין.
איבער האָריזאָנטן הייסע שׂריפות ציִען,
און מיט זיי — מײַן אָוונטיק געוויין —
וואָס כ׳האָב געוויינט אַמאָל אויף מאַמעס קניִען —
מײַן אָוונטיק, מײַן יונג געוויין —
איצטער זוכן פלאַמען מײַן געביין.

איצטער בין איך גרויס און ווייס דעם מיין
פון אויפגעמאַכטע הימלען אין פאַרנאַכט.
פון מאַמעס אויגן, וואָס דערשראָקן־שיין
געקוקט האָבן אין פענצטערל פאַרטראַכט.
אויך דעמאָלט האָט געטונקלט אין דער שויב אַ פליין,
אַ קראָ איז אָנגעפלויגן און געבראַכט
אַ הויפן פינצטערניש, אַ ווײַסן ביין —
איצטער זוכן קראָען מײַן געביין.

איצטער בין איך גרויס און גיי אין שקיעה אָפּ.
אָ, ביז אַ ווייטיק איז מיר דאָס פאַרשטיין
דעם סוף: די נאַכט וואָס קומט אַראָפּ,
די ליידיקייט פון ווײַטן ווײַטן פליין.
וואָס שווײַגן זיי, די גריבער פון אָקאָפּ?
ווער זענען זיי, די ביינער ווײַס און ריין?
ווו ביסטו, מאַמע מײַן, מיר וואָלטן קאָפּ צו קאָפּ
דורך פענצטער איצט געקוקט אויף זיך אַליין.
איצטער וואַרט אַ ראָוו אויף מײַן געביין.

(אָרום 1938)

JULIUS SŁOWACKI

1. דו שרײַבסט אַ בריוו

דו שרײַבסט אַ בריוו. אַ בריוו צו דער געליבטער מאַמען.
אין פענצטער גליט דער אָוונטיקער האָריזאָנט
און שווײַגט מיט לעצטע אויסגעקילטע פלאַמען.
ער קוקט דיר אין די אויגן און ער מאָנט
אַ בריוו. אַ בריוו צו דער געליבטער מאַמען.

דו שרײַבסט. אַנטקעגן האָט אַ בוים זיך צוגעזעצט.
אַ רונדער עפּל גאַפט דורך קראַטעס פון די צווײַגן.
די לאַנגע ווײַעס ציטערן, אין טונקל אײַנגעזעצט,
ווי אָדלער־פליגל אין דער שעה פון שטײַגן.
עס גאַפט דער בוים וואָס האָט זיך צוגעזעצט.

דו שרײַבסט אַ בריוו. אַ בענקשאַפט אויף די פינגער ברענט
און צינדט מיט הייסע ווערטער דאָס פּאַפּיר.
פאַרלאָשן שוין די פלאַמען אויף די ווענט,
שוין פאַלן לאַנגע שאָטנס איבער דיר.
און די בענקשאַפט אויף די פינגער ברענט.

2. GOPLANA

זי איז צו דיר געקומען אין דער פרעמד,
ווי ס׳קומט אַ נס.
אין ענגער שטוב געווייעט האָט איר העמד
מיט היימישקייט און בעז.

דו האָסט געשמייכלט. האָסט זי גלייַך דערקענט:
דאָס ליכט אַרום איר רונדן פּנים,
די שלאַנקע בייגעוודיקע הענט
געטונקען אין לבנה.

די גרינע האָר צעלאָזן אויפן ווינט
געכוואַליעט האָבן ווי די וואַסער־פלאַנצן.
האָסט געשמייכלט, האָסט געפרייט זיך ווי אַ קינד,
און געגלעט די נאַסע וואַסער־פלאַנצן.

הערצער

אין דער פרי זענען הימלען קראַנק,
און פאַרבלוטיקט מיט זון.
שמירט זיי עמעצער די ווונדן אויס מיט טאָג,
ווי מיט אַ מאַסט,
און זיי פאַרהיילן זיך מיט בלויער הויט.
אויך מענטשן שטייען אויף גאַנץ פרי
מיט פאַרבלוטיקטע הערצער,
ווי די הימלען.
זיי טראָגן זיי אַרום דורך לאַנגן טאָג
ביז די נאַכט לעקט אָפּ דאָס בלוט,
מיט צונג פון שלאָף.
נאָר פינצטער איז און קיינער זעט נישט,
אַז אויבעט הערצער ווערן ריין,
ווי הימלען.

1935

MEA CULPA

כ׳האָב טויזנט פליגעלער צעטראָטן, מילבן,
און נישט געטראַכט דערפון.
איך האָב געזוכט אין קאַלטע זילבן
די הייסע זון.

כ׳האָב פלייש געגעסן פון אַ קאַלב,
געגעסן מיט הנאה דאָס, געשמאַק.
אין די פליגל פון אַ שטילער שוואַלב
געפילט האָב איך די שאַרפקייט פון אַ האַק.

כ׳האָב מיידלער נאָכגעקוקט מיט ווילדן בליק,
ווײַל געהאַט זיי האָבן שלאַנקע פיס.
די רײַפקייט זייערע געפּרוווט מיט פינגערדריק,
און מיט אַ ביס.

אַקוואַריום מיט פיש

ס׳איז זייער שטאָט. די שטאָט וואָס אינעם וואַסער.
דער טראָטואַר פון שליים, דער הימל איז פון גלאָז.
די דירות זייערע — אין וואָלקן־קראַצערס,
געבויט פון ליכט, פון שאָטנס און פון גראָז.

אויף שטילע גאַסן שווימען זיי אין שלווה,
מיט סאַמעט אין די אויגן, מיט בײַכעלעך פון זײַד.
בלויז אונדזערע געזיכטער שרעקן זיי — פּלאַנעטן
אויף די האָריזאָנטן ערגעץ אין דער ווײַט.

אַ פּנים

אַ בייזע האַנט האָט צוגעבונדן טיר צו טיר
מיט אַ שפּאַגאַטל.
אַרויפגעלייגט אויף דעם אַ פּנים
פון שוואַרצן־רויטן
טריוואַקס.
דאָס פּנים איז געווען מיט גלאַנציקע,
מיט האַרטע
קנייטשן.
מיט טרערן
גרויסע,
קליינע.
צוויי ברידער זענען אײַנגעהויקערטע געזעסן
בײַ די פּאַרקלעמטע טירן,
געוואָלט נישט טראַכטן פון דער פּושקע מילך,
וואָס דער דריטער האָט
גענומען,
ניט גענומען.
ווען דער דריטער איז געקומען
(פון פּאָליציי?)
געזען האָבן זיי:
דאָס הענגט זײַן פּנים אָפּגעשפּיגלט
אויף דעם שפּאַגאַטל.

אַרויף איז מײַן חבר געגאַנגען

אַרויף איז מײַן חבר געגאַנגען,
אַרויף מיט דער סטעזשקע צום באַן.
מיט וויכטיקן שטאָלץ פון אַ טאַטן,
מיט צײַטיקן טראָט פון אַ מאַן.

אַ הויז האָט געפּוצט זיך אין פלאַמען,
פון פרייד האָט געשאַרפעט אַ בוים.
זײַן שמאָלע צעבלאָזענע קודלע
האָט שוואַלביש געפלאַטערט אין רוים.

אַרויף איז מײַן חבר געגאַנגען,
צו אָפענע הימלען געשפּאַנט.
די גאָלדענע זון האָט געפירט אים
מיט גאָלדענער וואַרעמער האַנט.

אין שטוב האָבן מאַמע און עופל
געוויינט שוין פון שרעק און פון צער.
אַרויף איז מײַן חבר געגאַנגען,
געגאַנגען זיך שלאָגן דערפאַר.

נשׂרפֿים אין וואַלד

צעטראָגן איז דער וואַלד אַנטקעגן זיי אַרויס.
מיט הויכע פֿײַערדיקע שטאַמען בליצט ער.
אַ פֿויגל זינגט. אַ חוזקער, ווי זעט ער אויס?
אין אַ מאַנטל פֿון קאָלירן זיצט ער.
דער גאַרער זומער איז אַ שׂריפֿה איצטער.
די וועלט — אין פֿלאַמען אַ צעפֿאַלן הויז.

ווײַסע שערן

רעפֿלעקטאָרן נישטערן אין נאַכט מיט ווײַסע שערן.
אַ פֿרעכע שײַן רײַסט אויף די פֿינצטערניש פֿון הימל
און ווײַזט די וואָלקנס נאַקעט ווי זיי ליגן.
יונגע מאַמעס וועקן זיך פֿון דרימל,
און קענען מער נישט שלאָפֿן בײַ די קינדערס וויגן.
רעפֿלעקטאָרן נישטערן בײַ זיי אין האַרץ מיט שערן.

אומפֿאַרשעמט

אויף גלאַנצעדיקע רעלסן יאָגט מײַן אומרו מיט דער באַן,
אַהין, אַהין, וווּ כ׳האָב די ברידער אין געפֿאַר געלאָזן.
איך ווייס שוין אַלץ. ווי אומפֿאַרשעמט עס זענען גראָזן,
בלומען, שמעטערלינגען און דער הייסער שטאָל!
זיי פֿרייען זיך מיט זון און הימל, ווי אַמאָל.
זיי ווילן מיך פֿאַרטומלען אינעם רעלסישן געשפּאַן.

1947

מײַנע ליפּן

מײַנע ליפּן זענען קראַנק פֿון ציילן
די, וואָס זענען מער נישטאָ.
קראַנקע ליפּן אויסצוהיילן
ווער איז דאָ?

אויב דער ווינט — וועל איך אים זאָגן,
וועל אים זאָגן דרייסט און אָפֿן:
האָסט מײַן ברודערס אַש געטראָגן,
און צו שיינער בלום געלאָפֿן.

אויב די זון, מיט גנאָד געצונדן,
וואַרעם אָנרירן וועט זיי —
נישט פֿאַר איר צו היילן ווונדן,
וואָס באַשײַנט האָט ווינד־און־ווײ!

אויב אַ מענטש וועט קומען — ביטע,
כ׳וועל פֿאַרטרויען, נישט גענאַרן:
מײַנע ליפּן זענען ביטער,
זענען אויסגעקרימט פֿון צערן.

זייער הויט איז הייסער שײַטער,
זייער ריח איז פֿון גריבער.
נישט פֿון וויסטע ווילדע צײַטן
ריידן זיי די גרוילן איבער.

נישט פֿון פֿײַנען זיי דערציילן,
נישט זיי שרײַען, קלאָגן, ברומען.
בלויז זיי ציילן, בלויז זיי ציילן
די, וואָס זענען אומגעקומען.

1948

די זומערדיקע טעג

די זומערדיקע טעג דערמאָנען מיך,
אַז איך האָב יאָרצײַט. יאָרצײַט נאָך צוויי ברידער.
איינער האָט געלעבט מיט שיינקייט פונעם ליד,
דער אַנדערער — מיט קרעמערשן האַרמידער.

אין זומערדיקע טעג געקומען זענען דעמאָלט
די ווילדע לײַט. מיט פינצטערן געשריי
אין טאָלן ליכטיקע, אויף בערגלעך שײַן,
פאַרקראָכן מיט די שטיוול זענען זיי.

אין זומערדיקע טעג איז נישט פאַראַנען ווער
עס זאָל די נעמען זייערע מיט ליבשאַפט טאָן אַ פליסטער.
די שטילקייט קומט פון דאָרט. דאָרט האָט אַ ווינט
פאַרבלאָזן אַלע זיי. אַ ווינט אַ וויסטער.

די זומערדיקע טעג (אין וואָסער טאָג?),
זיי ברענען — יאָרצײַט־ליכט נאָך מײַנע ברידער —
בײַ יעדן פענצטער פון אַ טומלדיקער קראָם,
בײַ יעדן בוך, וואָס זינגט מיט שיינע לידער.

געזאַנג פון די געבליבענע

1. אין מינכען

איר אַלע, אַלע,
דערשאָסענע, פאַרפּייניקטע, פאַרגאַזטע און געוואָרפענע אין פייער,
אַ חלק האָט איר אין דער וועלט,
באַגלייך מיט אונדז אַ חלק אין דער וועלט!
די לופט, וואָס איר האָט נישט אַריינגעאָטעמט, איז פאַראַן.
פאַראַן די וואַרעמקייט פון זון וואָס האָט אייך נישט געוואַרעמט.
דאָס ליכט, אַוועקגערויבט ביי אייך —
איז אויך פאַראַן!
די פרייד פון אייער אויג איז נישט פאַרשוווּנדן פונעם יום־טובדיקן קלייד
אויפן פרעמדן גוף,
די ווייכקייט פון די פינגער אייערע עס פילט דאָס טיכעלע
אין קעשענע ביים מערדער.
אַ חלק האָט איר אין דער וועלט, אַ גרויסן חלק!
דער שלאָף, וואָס מענטשן שלאָפן, איז אַ טייל פון אייער רו.
די מידקייט פונעם גוף ביי זעגן, ניי־מאַשינען, אין ביוראָען,
איז פול מיט וואַרעמקייט פון אייער אָטעם
און מיט די ריחות פון די שווייסן אייערע.
די שמייכלען, נישט־געשמייכלטע, פון אייערע פאַרברענטע ליפּן,
זענען שמעטערלינגען
אויף די ליפּן פונעם זומערטאָג.
די זיפצן, נישט־געזיפצטע, זיפצט דער ווינט
אין גרויע טעג פון האַרבסט.

פאַרגיט! פאַרגיט!

געלעכטער אונדזערן וואָס האָט די פרייד פון אײַך די נישט־געפרייטע,
דעם טרויער אין געמיט — ער וואָלט נאָך לאַנגע יאָרן אײַערער געווען.
פאַרגיט די שׂימחה פון די קינדער אונדזערע, ווײַל פונקט אַזוי
עס וואָלטן אויבעט יענע,
די קליינטשיקע, געוואָרפענע אין פײַער און פאַרגאַזטע,
געלאָפן פריילעכע אַצינד
אין פּאַרק אַרײַן,
אין שול אַרײַן.

*

מיר זענען ווידער טאַטע־מאַמע פון צעבאַלעוועטע קינדער,
מיר קויפן ליאַלקעלעך פאַר זיי, און פערדעלעך, און שיפן מיט
געפאַרבטע קוימענס. מיר לערנען פלײַסיק זיי צו בויען הײַזלעך,
עראָפּלאַנען, וואָלקנקראַצערס וואָס מיר קענען פון די בלעטער.
אויף פּאַיאַצן ברענגען מיר זיי, ריין געקליידט און שמייכלענדיקע —
עס זאָלן קינדער בײַ זיי לערנען ווי דעם קאָפּ פאַרנייגן העפלעך,
ווי צו זײַן געהאָרכזאַם, ווי צו פאָלגן זיי, די נאַציס.
מיר קויפן פאַר די קינדער אַלץ: פּאָמידאָרן רויטע, גרויסע,
עפּל, אייער, פיש, שאָקאָלאַדקעס זיסע,
אַז די קינדער זאָלן וואַקסן שטאַרקע, הויכע, אַז די בעקלעך
זאָלן בלײַבן —
און זיי זאָלן ניצלעך זײַן — פאַר דער פּרוכטבאַרקייט פון באָדן —
עס זאָל דאָס קרויט אויף זיי געראָטן,
און די בלומען זאָלן שיין זײַן.

*

זאָגט אונדז, זאָגט, מיט וואָסער ניגון
זאָלן מיר די קינדער וויגן?

זינגען מיר פון ליכט און פרייד,
קומען אָן מיט בייזע רייד

יונגע מאַמעס, יונג און שיין,
און זיי וויינען אַ געוויין.

זינגען מיר פון נאַכט און רו,
קומען יונגע טאַטעס צו,

יונגע טאַטעס, יונג ווי מיר,
שטייען פינצטער ביַי דער טיר,

שטייען פינצטער ביַי דער וויג,
פינצטער, בייז און שוויַיגנדיק.

זאָגט אונדז, זאָגט, מיט וואָסער ניגון
זאָלן מיר די קינדער וויגן?

דיַיטשלאַנד, 1947

.2 אין ניו־יאָרק

די שטילקייט וואָס אין אונדז, דאָס איז די שטילקייט
פון אַ באָמבאַרדירטער שטאָט.
איר גייט פאַרביַי,
ווי דורך די חורבות פון אַן אייגן הויז
גייט איר פאַרביַי:
שוויַיגנדיק,
און וויַיט,
און גיך,
די שטילקייט וואָס אין אונדז דאָס איז די שטילקייט
פון אַ באָמבאַרדירטער שטאָט.
און איר האָט מורא פאַר אַ באָמבאַרדירטער שטאָט.

*

האָט נישט מורא.
ווען איר זעט אויף אונדזער ליפּ אַ שמייכל וואָס איז
נישט קיין שמייכל.
ווען איר זעט אַ טרער אין אויג און ס׳איז נישט קיין טרער.
האָט נישט מורא.
הינטער צוגעמאַכטע ווענעציאַנער שטאָרן וואָס, מיינט איר,
טוען מיר אין שפּעטער נאַכט?
פאַר איַיך וועט דאָך נישט זיַין דאָס לעמפּעלע אַ שׂריפה.
דער שאָטן אינעם ווינקל איז דאָך נישט דער ברודער איַיערער.
הערט:
אין טאָל פון שחיטה איז געוועזן די ציַיט פון שקיעה,
די טרער אין אויג ביַי עלקען האָט געגלאַנצט מיט זילבער.
דעם סטאָליאַרס מיידעלע האָט מיטן ליפּעלע געמאַכט אַ חנדל,
נאָר עס איז געוועזן

צום ווײנען. איציק עפּל האָט געלאַכט. זײַן צאָן פֿון גאָלד
איז רויט געווען.
האָט נישט מורא.

*

איר ווילט דאָך נישט מיר זאָלן אײַך דערציילן.
איר וועט זען אײַער קינד מיט פּנימל אַרויף, די הענטלעך
אויפֿן בײַכעלע,
מיט ליים פֿאַרשמירט.
איר וועט זען אײַער פּרוי אין שניי. לויפֿט דין און בלאָ
אין שווינדלדיקע קרײַזן פֿון אַ הינטישן געוואָי.
איר וועט זען זיך: אַ פּלייצע פֿון אַן אָפּגעריסענעם פּינדזאַק,
געלאַטעט מיט אַ שמאַטקע זון.
איר ווילט נישט, ניין, מיר זאָלן אײַך דערציילן.

*

אַז מיר האַלטן אַמאָל לענגער אײַער האַנט —
ס'איז גוט ווען עמעצנס אַ האַנט איז וואַרעם.
די האַנט פֿון אונדזער ברודער איז אויך געווען מיט האָר באַוואַקסן
אויף די פֿינגער. אַ האַנט
קאָן אַנדערש זײַן. קאָן זײַן צערייצט און ווילד, מיט אָדערן
פֿאַרלאָפֿענע מיט בלויען כּעס.
אַ שלאַנקע שלאַנג קאָן זײַן אַ האַנט. די דלאָניע —
אַ קאָקעטיש פּיסקל,
וואָס רינט מיט סם.
און שלאָגן ווי אַ האַמער קאָן אַ האַנט.

*

די גאַסן זענען שיין בײַטאָג ווען זון ליגט ווי אַ טאָרט אין פענצטער.
די גאַסן זענען שיין בײַנאַכט, אַרומגעדרייט מיט לויכטנדיקע פעדעם —
ווײַס און גרין און רויט און געל און בלאָ. צי וועט איר וויסן
ווו עס איז די צוויי און פערציקסטע,
ווען ס׳וועט אַרום אַ שטילקייט זײַן און הויפנס שטיינער?
מיר האָבן נישט דערקענט די נאָוואָליפּקיס.

*

אין וואַרשע אויף די נאָוואָליפּקיס זענען מיר אַצינד נישטאָ. מיר הערן נישט
ווי ס׳רעדט דאָס גראָז מיט טרויער פון אַ דיכטער:
„לאָז מיך וואַקסן. איך דעק אַלץ צו".
דאָס מיידל פונעם דריטן שטאָק — זאָגט דאָס גראָז —
דעק איך צו. אירע ביינער
זענען יונג און שלאַנק. איר לעצטער טאָג געווען איז
אין סעפּטעמבער. אַ שיינער איז געווען דער טאָג, מיט זון,
און שיין איר חתן מיט דער גרוב צופוסנס.
דאָ איז די וועשערין פון קעלער — זאָגט דאָס גראָז — זי וואַשט נישט מער
דײַן העמד מיט דעם סלאָוואַצקן קאָלנער. און דאָ —
דער שנײַדער. דער וואָס האָט פאַרדונגען זײַן פראָנטאָוון צימער צו סטודענטן.
אין וואַרשע, אויף די נאָוואָליפּקיס זענען מיר אַצינד נישטאָ, מיר הערן נישט
ווי ס׳רעדט דאָס גראָז.

צו מײַן ייִנגעלע

אַזוי פיל ליבע װעט, מײַן קינד, דיר פעלן,
אַזוי פיל ליבע װעט פאַר דיר נישט זײַן!
אַ באַבע װעט פון דײַנע רייד נישט קװעלן,
נישט קושן דיר אין שטערנדל אַרײַן.

װעסט אויף אַ זיידנס גוטע קני נישט קריכן,
נישט רײַסן פונעם זייגער אים די קייט.
װען אָנהייבן צו גיין דו װעסט אין גיכן —
בלויז טאַטע־מאַמע װעלן האָבן פרייד.

בלויז פון אַ מעשׂה װעסטו װיסן שפּעטער
װי גוט עס איז פון מומעס האַנט אַ גלעט.
װי זיס דער שלאָף עס איז װען גוטער פעטער
פירט אָפּ בײַם הענטעלע צום אויסגעבעטן בעט.

בלויז ביכלער װעלן שפּעטער דיר פאַרטרויען:
װער ס'האָט אַ היים — איז אים אַ פרײַנט די טויב;
דעם שכנס האָן װאָס גראַבלט צװישן שטרויען,
דער פלוימענבוים, װאָס קוקט אַרײַן אין שויב.

װער אָן אַ היים איז, װאַגלט איבער שװעלן,
און װיגט זײַן קינד אין שטילן טרויער אײַן.
אַזוי פיל ליבע װעט, מײַן קינד, דיר פעלן,
אַזוי פיל ליבע װעט פאַר דיר נישט זײַן!

דרײַ וואַרשעווער מיידלעך

דרײַ וואַרשעווער מיידלעך, דרײַ אייביקע כּלות,
איך בין דער אייביקער חתן פֿון זיי.
בײַ אונדזער פּאַרקנסן געווען זענען עדות
דער פּאַרק און דער טראַמוויַ, דאָס גראָז און דער שניי.

די וואַרשעווער מיידלעך, די טײַערע כּלות,
געהאַט האָבן וואַרעמע פֿינגער פֿאַר מיר.
און וואַרעמע ליפּן, און וואַרעמע ווערטער,
וואָס זיי האָבן זאָגן געקענט בלויז צו מיר.

איך זע זיי נאָך איצטער, די ליכטיקע כּלות,
פֿאַרפּוצט ווען איך שטיי קעגן זון וואָס פֿאַרגייט:
דאָס צוגעפּרעסט העמד איז מיט פּאַסיקלעך שקיעה,
דער שניפּס איז מיט ראָזלעכע שטראַלן גענייט.

איך זע זיי אין ווײַטן, די לופֿטיקע כּלות,
וווּ אַלץ איז פֿון פֿײַער, פֿון גלי און פֿון ליכט:
די הימלשע חופּות, די הימלשע בעטן,
די פֿינגער, די ליפּן, דער חן פֿון געזיכט.

זיי קוקן אויף מיר, מײַנע כּלות, זיי קוקן.
ביז אינעם טומל וואָס קומט פֿון בראָדוויי
דערהער איך אַ זילבערנעם קלונג פֿון אַ טראַמוויַ —
מיט אויגן פֿון זונפֿאַרגאַנג גליווערן זיי.

ווויל צו אײַך

ווויל צו אײַך, איר ווייסט נישט פון צעטומלטע פֿאַרטאָגן,
ווען מענטשן האָבן מורא פֿאַר דער יונגער שײַן.
און טוליען זיך דערשראָקן אין די טונקלע ראָגן
און בעטן שטיל עס זאָל נאָך פֿינצטער זײַן.

איר ווייסט נישט פֿון דער גרויסער מוראדיקער שטילקייט,
וואָס קומט נאָך שאַרפֿן פּלוצעמדיקן זאַלפּ,
ווען בייזער עראָפּלאַן, אין רויִקער געהילטקייט,
פֿאַרטשעפּעט מיט זײַן שאָטן די אַנטלויפֿנדיקע שוואַלב.

ווויל צו אײַך! איר ווייסט נישט פֿון נערווועזע אויפֿדערנאַכטן.
ווען מענטשן האָבן מורא גיין אין בעט צו זיך.
און גלייבן נישט דער טיר, וואָס שטייט אַ צוגעמאַכטע,
און גלייבן נישט דער וואַרעמקייט פֿון אויסגעפּרעסטער ציך.

איר ווייסט נישט ווי מע לאָזט אַן אַלטע מאַמע איבער,
ווען אויף ליפּן גליווערט אַ דערוואָרגן וואָרט.
ווויל צו אײַך, איר ווייסט נישט ווי עס ברענען שטיבער,
בלייך און אומבאַהאָלפֿן, אין אַ נאַכט פֿון מאָרד.

פאַרגעסן

פאַרגעסן האָבן מיר דעם זיסן טעם פון ברויט,
די פרייד פון אַ טרונק וואַסער האָבן מיר פאַרגעסן.
ביַי טישן אונדזערע מיט כּל־הגוטס געגרייט,
ביַי וויַיסע טישטעכער און ליכטיקע געפעסן.

געווען אַ ציַיט אַזאַ: אין פראָסט, אין איינציק העמד,
געשטאַנען זענען מיר אין לאַנגע ענגע רייען.
דער פרעמדער מענטש דערנעבן איז געווען נישט פרעמד,
וויַיל באַלד — און ביידע וועלן מיר זיך פרייען.

דאָס וואַסערדיקע רויע רעפטל גליק
מיר וועלן מיט די שטאַרע פינגער גלעטן,
און אויפגעלעבטע גיין אַהיים צוריק,
און גרינגער זיַין וועט אין דעם שניי צו טרעטן.

געווען אַ ציַיט אַזאַ: אין פרילינגדיקן פעלד
די פריַיע בלעטער זענען מיר באַפאַלן,
געוואַשן זיי, און אויפן פיַיער גיך געשטעלט,
פאַרפראַוועטע מיט זאַפט — פון ערד און שטראַלן.

דערנאָך געווען איז יום־טוב. אין איַינגעשטילטער פּיַין
האָבן מיר זיך צוגעהערט צום זינגענדיקן קאָכן,
און איבער בלייבע פּנימער געבלאַנדזשעט האָט אַ שיַין
פון אַ באַהאַלטענעם פאַרעקשנטן בטחון.

אויגנבליק

The way a crow...
R. Frost

דאָס רונדע אויג פון סאַמאַפאָר
האָט גרין און גיך געטאָן אַ קוק.
דאָס איז געווען פאַר מיר גענוג
איך זאָל איצט לעבן יאָר נאָך יאָר,
אין ליכט פון יענעם סאַמאַפאָר.

וואָס מיינט אַן אויגנבליק: אַ בלאָז פון שניי,
אַ לייַכטער ריר פוןביימל נאָר —
פאַרשטאַנען האָט דער דיכטער קלאָר,
און אין אַ ליד פאַרגליווערט זיי:
דעם ריר פון בוים און בלאָז פון שניי.

אַ האַלבער שאָרך

דאָס פענצטער איז אַ פינצטער בילד
צוקאָפּנס פון מייַן בעט:
אַ ווייַטער פּאַרק אין נאַכט געהילט,
און לאָמפּן געל און פעט.

פון גאַנצן פּאַרק בלויזביימער צוויי
געקומען זענען. כ׳זע און האָרך:
אַ בלעטל טוט זיך האַלב אַ דריי,
אַ צווייַגל טוט אַ האַלבן שאָרך.

מיַין נײַע היים

מיַין נײַע היים איז צווישן מיסט און שטיין,
ווו ס'ווינען שוואַרצע מיט גרויסשטאַטישע ציגײַנער.
ווען צו מיר אין צימער קומט די זון צו גיין
זעט דאָס אויס נאָך פון אַ פּאַלאַץ פײַנער.

דער אַלטער שפּיגל איז פון הימלגלאָז אַ שטיק
און בלויט אין פינצטערניש — אַ האָריזאָנט, אַ רונדער.
די גרינע סאָפקע איז אַ הויכע בריק
צום ווײַטן אומבאַקאַנטן לאַנד פון וווּנדער.

דער אָפּגעריבענער געמעל אויף ווענט
בליט פלוצעם אויף מיט בילדער פון רעמבראַנדטן.
און איך — איך ווער אַ פּרינץ מיט איידל־ווײַסע הענט
פון יענעם לאַנד, געוויס, פון אומבאַקאַנטן.

איך שפּרײַז אַ שטאָלצער צווישן זײַלן שטויב,
וואָס גלאַנצן מאַרמאָרדיק מיט ווײַסער ריינקייט.
און דורך דער קליינער אויפגעהעלטער שויב
באַוווּנדער איך פון אונדזער הויף די שיינקייט. —

נאָר מײַנע שכנים שטייען פויל בײַם פּלויט
און ווילן נישט די טרעפּ אַ ביסל ריינער מאַכן.
די שוואַרצע קוקן מיט אַ קנאה אויף מײַן ווײַסער הויט,
די ציגײַנער לאַכן.

נאָך צוואַנציק יאָר

נאָך צוואַנציק יאָר איז אַלץ נישטאָ פאַר דיר
קיין היימיש פענצטער, קיין באַקאַנטע טיר,
עס זאָל פון שויב די אָוונטיקע שײַן
אין פינצטערניש פון נאַכט אַ סטעזשקע זײַן,
דו זאָלסט פון הויז דערהערן גיכע טריט
ווען דײַנע פינגער וואַרטן אויף דער קליאַמקע מיד.
די עלעווייטער־שטײַג איז אויפגערוימט און העל
אַ שטערן צינדט זיך גרין, נאָר ווײַזט דיר נישט קיין שוועל.

נאָך צוואַנציק יאָר איז אַלץ נישטאָ פאַר דיר
קיין היימיש פנים, קיין וואַרעמער באַריר.
זעלטן, זעלטן טרעפט, אַז צווישן געסט,
ווען דו, אַן אויפגעהײַטערטער, פאַרגעסט, פאַרגעסט —
זעסטו פלוצעם, זעסטו אומגעריכט
אַ זיסן שמייכל אויף דײַן פרײַנדס געזיכט.
טו אויך אַ שמייכל גיך, און ווידער בלײַב
אַליין. מיט קינד און ווײַב.

צו ייִדישע טעכטער פון פעטערסאָן

די באָבעס אײַערע, פון לאָדזש און ביאַליסטאָק,
געחלומט האָבן זיי פון פראָסטע זאַכן:
פון טראָגן אויפן פוס אַ גאַנצן זאָק,
פון האָבן קאַשע אַ געקעכץ צו מאַכן.

דער אויסגעדוכטער זאָק געלויכטן האָט מיט זײַד,
די געלע קאַשע האָט מיט זון געלויכטן,
ווען מידע האָבן זיי דעם אָונטערברויט געקײַט
אין זיסער ווארעמקייט פון אויוון, פון פאַרויכטן.

זיי האָבן דאָן גערעדט מיט אומלעגאַלע רייד
פון נישט־באַשערטער רו, און פון אַ ריינעם קישן,
די באָבעס אײַערע. און האָבן זיך געגרייט
צו אַ יום־טוב, צו אַן אויסטערלישן:

ווען אין דעם פענצטער וועט אַ הימל זײַן,
ווען נישט וויי טאָן וועט צו שטאַרק דער רוקן.
ווען ברויט וועט שמייכלען מיט אַ זאַטער שײַן,
און קלאָרע אויגן וועלן קלאָרע קוקן.

אויף פעטערסאָנער גאַסן בליט איר שיין און שלאַנק,
מיט נעגל דין־געראָזטע און מיט דינעם לאַק.
איך קוק אײַך גלוסטיק נאָך. נאָר מײַן געזאַנג
איז צו די באָבעס אײַערע פון לאָדזש און ביאַליסטאָק.

נאָסטאַלגיע

מײַן פֿרײַנד אין שאָפּ האָט אויף אַ רגע בלויז
די האַנט פֿאַרהאַלטן אויף דער אײַלנדיקער ראָד.
עס איז געגנוג געווען אַ הייב, אַ שטויס,
אַנטלויפֿן האָט געגומען טומלדיקע שטאָט.

הימלקראַצערס לויפֿן, ס׳לויפֿן הײַזער גיך,
וואַסערן און הימלען מאַכן אַ געדראַנג.
און באַלד איז ער, מײַן פֿרײַנד, אין שטעטעלע בײַ זיך,
געשטאַנען פֿאַר זײַן הויז, וואָס איז נישטאָ שוין לאַנג.

די שפּעטע זון, ער זעט, הענגט איבער פּוסטן מאַרק,
אַ פֿאַרביק פֿלאַטערל פֿליט דורך מיט לעצטער פֿרייד.
אַנטקעגן אויפֿן מויער, פּונקט ווי אויף אַ באַרג,
דער שאָטן פֿון פֿאַרנאַכט קריכט גרוי און ברייט.

אין שכנס סאָד, ער הערט, רירט אָן דעם פֿלוימענבוים
אַ שלעפֿעריקער ווינט מיט פֿינגער ראָז.
אַ שפּרינגער טוט אַ שאָרך, קוים, קוים
ער הערט אין שאָפּ דעם שעפּטשע פֿונעם גראָז.

און ווען די ראָד לויפֿט ווידער אין געאײַל,
און יאָגט די שטויבן ווידער, יאָגט זיי גיך און הייס —
שמייכלט ער, מײַן פֿרײַנד, צו זיך אַליין אַ ווײַל,
און אויף זײַן נאָז עס פֿינקלט, ווי אַ טוי, דער שווייס.

די פײַערדיקע פערד אויף פּאַרדהעם־ראָוד

דעם קאָפּ פאַרהויבן, די פיס צום הויכן שפּרונג,
מיט פײַערדיקע פליגלען בײַ די זײַטן,
רײַטן זיי אין קרײַזן שטאָלץ און יונג,
ווי איבער הימלען די פּלאַנעטן רײַטן.

עס קאָן נישט שטילער זײַן אַ פּאַרק ווי דער. דער גלאַנץ פון פײַערן
איז ווי אַ נעפּל איבער אים און ווי דער שאָרך פון וואָלקנס
איז דער טומל. טיף אין זיך
האָט ער אַרײַנגענומען אַלע וועוורקעס,
און אַלע בלומען. אַ קילן שאָטן
האָט ער פאַר דער גאַס, וואָס לויפט צו אים
מיט פײַערדיקע פערד.

אין אָוונט גייט אַ שטורעם אָן אויף אים. עס בליצט
מיט רויט און גרין. עס ציִען שווערע וואָלקנס
קאַרס און טראָקס, זיי שרײַען הייס
און הויך. די דונערס
קײַקלען זיך אַרויף, אַרויף,
ביז הויכע פענצטער . די פענצטער שיסן פלוצעם אויס
מיט ווײַסן פלאַם. באַלד —
און אַלע פײַערדיקע פליגלדיקע פערד,
מיט אַן אימפּעט וועלן זיי אַרײַנשפּרינגען אין אים.
די שטילעביימער וועט אַרומכאַפּן
אַ שׂריפהקע בהלה.

דערנאָך וועט ווערן שטיל. עס קומט פון הימל נענטער אַראָפּ
דער אָוונטשטערן. בוים נאָך בוים
ווערט מיט דער נאַכט אינטים.
נאָך געבן נישט קיין רו די פענצטער פון שפּיטאָל,
נאָך וויינט אין זיי
אַ הונגעריקער קעמל. דער אָוונטשטערן
ווערט אַן אויג
ביים פייַערדיקן פערד.

דעם קאָפּ פאַרהויבן, די פיס צום הויכן שפּרונג,
מיט פייַערדיקע פליגלען בייַ די זייַטן,
רייַטן זיי אין קרייַזן, שטאָלץ און יונג,
ווי איבער הימלען די פּלאַנעטן רייַטן.

אין אַ מוזעאום

די קרוין פון צאַר
איז אונטער הימל גלעזערנעם פון סלוי
אַ פאַרנאַכטיק בערגל.
באַלויכטן נאָך מיט אָפּגלאַנץ גילדענעם
פון זונפאַרגאַנג,
מיט גראָבע טראָפּנס דימענטן,
מיט טוי פון פערל.
אַזוי פיל פּראַכט האָט זי
קיין איין מאָל ניט פאַרמאָגט
ווען אויפן קאָפּ
פון אַ ראָמאַנאָוו.

נאַכט

שטיינערנע שטילקייט — אַ ליגן ביסטו.
עס האָבן די מענטשן אין שטאָט נישט קיין רו.

מײַן שכן, דער אַלטער, ער קען שוין נישט שלאָפֿן,
און וויינט אויפֿן לעבן, וואָס איז אים אַנטלאָפֿן.

דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק אויפֿן פֿערצנטן גאָרן,
אַמפּערט זיך ווידער, נאָך צוויי מאָל זיך פּאָרן.

אין הויכן האָטעל, מיט די בריסטלער אַרויס,
טאַנצט אַ מיידל פֿון פּופּצן, אַנטלאָפֿן פֿון הויז.

אין פֿינצטערן פּאַרקל שטעכט איינער זײַן הויט,
אַ צווייטער שלינגט ווײַסינקע פּילעכלעך טויט.

שטיינערנע שטילקייט, שטיינערנע רו —
אַ ליגן ביסטו און אַ ליגן ביסטו.

האַרבסט

עס איז די זון פֿאַרגאַנגען קאַלט,
פֿון צפֿון בלאָזט אַ ווינט אין האָרן.
די בלעטער פֿאַלן, פֿאַלן. באַלד —
און ברוינס און געלס וועט גיין פֿאַרלאָרן.

זיי שאָרכן אונטער דײַנע פֿיס
מיט לעצטן שאָרך פֿון לאַכן, ליבן.
און מיט אַ מאָל דו ווייסט: עס איז
פֿון האַרבסט דער חלל בלויז געבליבן.

עס טוט דיר באַנג. נישט אַלץ האָסטו
גענומען וואָס ער האָט געגעבן:
די שײַן וואָס אויף דער עווענין,
דאָס העלע פֿאַרקל וואָס דערנעבן.

אַ שאָד. אַ שאָד. נישט אַלץ האָט דיך
געפֿרייט, וואָס פֿרייען האָט געזאָלט:
די גרויסע זון אין קליינער קיך,
אַ פֿליג, אַ גאַסט, אין גרין און גאָלד.

אַ שאָד. אַ שאָד. אַצינד איז קאַלט.
פֿון צפֿון בלאָזט דער ווינט אין האָרן.
די בלעטער פֿאַלן, פֿאַלן. באַלד —
און ברוינס און געלס וועט גיין פֿאַרלאָרן.

אין וועשעריַי

אין וועשעריַי איז טונקל, נידעריק און הייס.
מיט פולע בײַכער שטייען די מאַשינען.
ער הערט: עס טוט זיך ערגעץ־ווו, עס רוישט,
און שטראָמען ערגעץ, סודותדיקע, רינען.

א לײדי שטייט. אין הויזן. אָן גאַרסעט.
די בריסטן שפּאַרן פון דער ענגער בלוזע.
די מוזע, ווייסט ער גוט, זי איז אַ פרוי.
איז טאָקע דאָ מיט אים אַצינד די מוזע?

ער לייגט אַרײַן אין דער מאַשין די וועש:
די העמדער, שקאַרפּעטקעס, קאָלירטע ציכער.
ער זעט: אין רונדער פינצטערניש פון שויב
עס יאָגט אין קרײַזן זיי אַ ווילדער וויכער.

בהלה, שווינדלניש. אַ דונערדיקער קנויל
פון וואָלקנס, וואַסערן. זיי פּאַלן, פּאַלן.
עס עפענען זיך טיפענישן, שוואַרץ און הויל,
אַ ליכט גייט אויף און ווערט אין ליכט פאַרפאַלן.

און ווידער פינצטערניש און ווירבלדיקער ווינט.
ס'איז טאָג און נאַכט צוזאַמען און באַזונדער.
ער שטייט. און זײַנע ליפּן ריידן, ריידן נישט,
און זײַנע אויגן זענען פול מיט וווּנדער.

דער שטורעם לייגט זיך אײַן. אַ קאָלנער. אַ פּאָר אַרבל.
שטילער, שטילער, ווערט אַרום דער ליאַרעם.
פאַרמאַטערט ליגט אַ נאַסער ווייכער באַרג
און אָטעמט אים אין פּנים פריש און וואַרעם.

ער וועט אים טריקענען, אַרײַנשפּאַרן אין זאַק,
און אַ דערפרייטער פלי̇ען איבער שטאָקן:
די מוזע וועט אים טרעפן בײַ דעם טיש
אין קלאָרן אונטערוועש, אין ריינע זאָקן.

אַ שיינער טאָג

אַ שיינער טאָג. די שויב אַקעגנאיבער
גלאַנצט מיט אַ פאַרב, וואָס איז פערפעקטער בלוי.
מיט זיסן פנים קוקט צו מיר אַריבער
אַ יונג מיידל. עס דוכט זיך מיר אַזוי.

אַ שיינער טאָג. דער הימל גרויס און לויטער.
אַ הייסע זון בליט עלנט אינעם בלוי.
די רויטע בלומען ווערן רויטער, רויטער,
אין בלומענטעפּל. עס דוכט זיך מיר אַזוי.

אַ שיינער טאָג. איך טו פון אים אַ שלינגל.
זײַן טעם איז פויגלמילך, זיס און בלוי.
איך בין, צו פערציק יאָר, נאָך אַלץ אַ יינגל.
אַ נאַריש יינגל. עס דוכט זיך מיר אַזוי.

צוויט

דער עפּלבוים אויף פּראָספּעקט עווענױ האָט זיך צעבליט
אין אַלע פינף פענצטער
פונעם ערשטן שטאָק. ער האָט געמאַכט
עס זאָל די איטאַליענערקע אַרײַנטאָן אירע האָר
אין אַ פּולער שויב מיט שײַן. דער שערער
זאָל אומגעריכט דערזען, אַז די שוים אויף יונגע באַקן
שטאַרבט גיך און ווײַס. ער האָט געמאַכט
איך זאָל נישט ווערן אויף דער צווייטער זײַט פון גאָס אַריבערגיין,
און זיך צעקריגן מיט מײַן ווײַב. אין אָוונט
זענען מיר געוואָרן ווידער גוט און געזען איינער
בײַ דעם צווייטן אין די אויגן
דעם עפּלבוים פון פּראָספּעקט עווענױ.

OLD AGE HOME

— ס'איז קאַלט.
— ס'איז שפּעט.
איןביידנס אויגן —
די מוטנע מידקייט פון אַ טאָג
אין אָסיען.
אַן אומעט האָט געצויגן
פון די קאַלושעס
מיט זופּ,
צעגאָסן
איבער פּלאַכע גריבער
פון די טעלער.

כריפּענדיקער זייגער

עס איז אים שווער,
דעם כריפּענדיקן זייגער.
מיט לעצטע כּוחות
שלעפּט ער
פון ערגעץ
פאַר מײַן לעבן
רגעס,
שעהען:
שטיינער אומעט?
פּעסלעך
פרייד?

גרינסן

אַ רחמנות אויף די גרינסן אין קאָפּ. זיי גייען אײַן.
אויף ענגע בייטן פון די פּאַליצעס,
אין קאַלוזשעס פון ליכט.

די שלאַנקע מייערן פּאַרלאָרן האָבן די פיגור.
קאַרטאָפל, ציבעלעס, פּאַרדרימלען אין נאָסטאַלגיע.
דאָס שמייכלענדיקע גרין אַוועק איז
פון די אוגערקעס. זיי ווערן אָנגעפּוישטע טויטע ווערעם.
אַ רחמנות אויף די גרינסן אין קאָפּ. זיי גייען אײַן.
און מיר —
מיר לייגן זיי מיט פרייד
אין די שקאַרמיצן,
ווי אין באַוועגלעכע, אין מיניאַטורנע גריבער.

*

מיר זאָגן מיט התפעלות:
אָ, ווי שיין!
עס איז דער טיש אַ גאָרטן!
מיר זעען נישט: די אוגערקע, אַ נאַקעטע,
(דאָס האָבן מיר זי אויסגעטאָן)
וויל זיך דערטרינקען אין געדיכטן זומפּ
פון סמעטענע.
אַ בלייכע ציבעלע האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ
אין וואַנט פון טעלער.
שטײַפע, מוסקולירטע פּאָמידאָרן
האָבן אויסגעבראָכן
מיט געלער
גרינער
גאַל.

זעלטן

אַ בלעטל ווײַס און ריין פּאַפּיר
מאַכט אומרויִק, נערוועז.
עס טוט די האַנט אַ קילן ריר,
און מאַכט זי הייס.

מיט האַרטן בלײַער, גלעט נאָך גלעט,
וויל אָפּדעקן די האַנט,
וואָס אין איר ווײַסער בלינדקייט זעט
די בלינדע וואַנט.

קאָן זײַן: אַ בוים, אַ אָפן פעלד;
קאָן זײַן: אַ פויגל קליין.
דער בוים פאַרשטעלן זאָל די וועלט,
און אייביק זאָל ער שטיין.

זעלטן, זייער זעלטן נאָר
דער בלײַער פאָלגט דעם גלי.
דאָס בלעטל שמייכלט ווײַס און קלאָר:
צו פרי, פּאָעט, צו פרי.

אַז עס קומען נישט קיין לידער

אַז עס קומען נישט צו מיר קיין לידער,
גיי איך שעמעוודיק אַוועק צו יענעמס.
ווי דאָס מײַזעלע אין לעבל ברויט,
גנבע איך זיך שטיל אַרײַן אין בוך
פון רילקע, ראָלניק, מאַני לייב.
ווויל און וואַרעם ווי דעם מײַזל
איז מיר:
שניי פון פיאַנישע קלאַווישן,
שפּענער שטראַלן,
און אַ לעצטן עפּל
הער איך פאַלן.

ווי אַ פּלאַקאַט

אַמאָל האָב איך געשעמט זיך מיט מײַן פּערז,
געהאַלטן אים פאַר זיך, פאַר זיך אַליין.
באַהאַלטן אים, ווי מע באַהאַלט אַ טרער —
און דאָס איז שיין.

הײַנט טראָג איך אים אַרום ווי אַ פּלאַקאַט:
אַ וואָרט צו הערן, נישט געמיינט און זיס,
אַ שמייכל זען אויף אַ פּנים גלאַט —
און דאָס איז מיאוס.

אַ שול אין די בראָנקס

1

זיי קומען פון די קאָנקורס און ראָשאַמבאָ עוועניו, ווו אין די הײַזער
טומלען טעלעוויזיעס. הויכע לאָמפּן האַלטן אין די ווינקלען
זייער ליכט. זיי קומען
מיט דער ווינטיקייט פון קאָובאָיס און זיצן אויף די בענקלעך
ווי אין ווילדע זאָטלען. די גרינע ווענט פון צימער
זענען שטיל. דאָס געזיכט פון פּרצן
איז שטיל. שטיל
פאַלן זיי אַראָפּ פון ווילדע זאָטלען
אויף די בענקלעך.

2

מיר גיבן זיי דעם נאָמען פונעם עלטערזיידן. דער נאָמען
איז שיעור נישט אַזוי שיין ווי אַ מעשׂהלע פון לואיס
סטיווענסאָן. דער נאָמען
האָט אַ גוטע באָרד און אַלטע
אויגן. מיט אים וואַנדערן זיי שם־המפורשדיק
דורך הויפּנס האָלץ, צעלייגט אין קליינע שטיבלעך,
דורך הויפּנס מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט,
ווי בײַ אַ שול־יום־טוב, אין טלית־קטנס
און אין אָפּגעריסענע קאַפּאָטעס. ווען זיי, די מענטשן, שמייכלען
איז עס ווי דאָס אייגן פּנים אינעם שפּיגל.

3

זיי זענען נישט קיין שעפּעלער. דער לערער פילט נישט די זיכערקייט
פון זײַן אַ פּאַסטעך. געהאָרכזאַמקייט איז דין,
ווי שפּיי־גומעס וואָס קריכן אָנגעבלאָזענע פון מויל. דער קנאַק

מיינט גאָרנישט, די שמייכלענדיקע ליפּן
מיינען גאָרנישט. אין דרויסן לויפֿן גלאַנצעדיקע קאַרס
כאַפּטעסווײַז
און זיכער. דער הויכער לאָמפּ בײַם בעטל
איז זיכער. ער לאָזט זיך מאַכן מיט די פֿינגער
דרײַ מאָל ליכטיקער.

4

בלויז עפּענען די טיר איז דאָ דער פּאַרק. די גליקלעכע חברים
לויפֿן צו דער אָוונטיקער זון מיט אויסגעשטרעקטע
פּילקעס. די שקיעה רינט זיי פֿון די ליפּן
מיט ראָזן אײַזקרעם. בײַ זיי
רינט פֿון די ליפּן עקזאַלטאַציע. מאָטל פּייסיס האַלט דאָס העמד
מיט שלאָפֿנדיקע פֿינגער. די זשאַבקעס מאַכן שוואַרצע פֿינטעלער
אין וואַסער. ווען עליע קומט וואָלט ער געקראָגן
מיט דער האַלבער זון אין פּנים:
„איט'ס פֿאָני".

5

פֿייגעלע האָט אויגן פֿון אַן אַכציקיאָריקער. זי לייענט פֿונעם ביכל
מיט מײַן באָבעס תּחינהדיקן קול. דער קלייענדיקער חיים־חנא
איז שטענדיק בייז און ווייסט נישט, אַז ער איז
אַ כּהן. פֿייגעלע וועט הייסן
פּיבי. אין די וויקענדס וועט זי גיין אויף פֿינפֿטער עוועניו
און ווײַזן אירע פּיס אין אַלע גרויסע פֿענצטער. איר טאַליע
וועט אַלץ נישט ווערן דינער. אַלע גרויסע פֿענצטער
וועלן קומען איר אַנטקעגן מיט דער גראָבער
פּעסין.

אין אַ צוגעמאַכטער שול

די שול איז צוגעמאַכט. עס קומען נישט קיין קינדער.
זיי זענען פון דער געגנט דאָ אַוועק.
פאַרבליבן אויפן טאָוול זענען שורות,
חנעוודיק־צעקרומטע, ווי אַ בלייכער פלעק.

פאַרבליבן אויף די ווענט איז ייִדישע געשיכטע.
געפאַרבט האָט זי שולמית. אַזוי האָט זי געוואָלט:
דאָס קינד אין קעסטל קוקט מיט גרינע אויגן,
די מלכה זיצט אַ באָרוועסע, אין אַ קלייד פון גאָלד.

צוויי אַלטע פּיאַנאָס, אָפּענע. מיט טויטע טענער
גערופן האָבן זיי צו יום־טוב און צו שפּיל.
די קינדער האָבן דאָס פאַרגעבן. פאַרגעבן אויך
די קליינע פליגעלער, דעם דורכגענעצטן דיל.

אין אויגן זייערע, צעעפנטע פון ווונדער,
האָט דאָס קלוגע פייַערל פון לערנען זיך געברענט.
און האַרציקייט פון רייזענען, פון פּרוגן, מאַני לייבן,
געזונגען האָט אויף ייִדיש מיט אַן ענגלישן אַקצענט.

אַצינד איז שטיל. עס קומט נישט קיינער, קיינער.
בלויז די בענקלעך זעען אויס — אַן קעפּ געשטאַלטן,
ווי זיי וואָלטן מיט דעם איינציקן, דעם רעכטן אָרעם,
זיצנדיקע קינדער נאָך אַרומגעהאַלטן.

פאַרבליבן איז דער לערער. אָוונטיקע שאָטנס
נעמען אים אַרום אין פינצטערן געהיל.
און אויפן זינען קומט אים איינהאָרנס בעל־תּפילה,
אַן איינזאַמער נר־תּמיד, אַ צוגעמאַכטע שיל.

מײַן לערער פֿון תּנ״ך

ער איז געווען דער לערער פֿון תּנ״ך.
מיט שטרענגע בליקן פֿלעגט ער בײַ אונדז מאָנען:
לערנען דאַרף מען, לערנען גאָר אַ סך.
נישט שפּילן זיך אין מאַרשן און אין פֿאָנען.

ס'איז העלער זומער. גייען מיר אויף אַ שפּאַציר,
די גאַנצע שול — די קינדער און די לערער.
איז ער, אַ פֿינצטערער, געבליבן בײַ דער טיר,
און נאָכגעקוקט די חבֿרה פֿאַרשווערער.

עס האָבן אים געאַרט די ביכלעך צוגעמאַכט,
די ריינע בלעטלעך אין די העפֿטן, נישט באַשריבן,
די טאָוולען שוואַרץ, ביז צו די ראַנדן נאָך אין נאַכט,
די בענקלעך ליידיקע אין קלאַס פֿאַרבליבן.

בײַ אים געווען איז דאָס אַ גרויסע זינד:
ווי קאָן מען דאָס די תּורה איבערלאָזן
און צווישן פֿעלדער יאָגן זיך מיט ווינט,
זיך אָפּגעבן מיט בינען און מיט גראָזן?

ליבער לערער מײַנער, לערער פֿון תּנ״ך,
ס'איז פּופֿציק יאָר זינט דעמאָלט שוין אַריבער.
איך בין עס געווען און נאָך אַ סך,
אויף ווערמען דו געהאַט האָסט דײַן פּאַראיבל.

ביסט גערעכט געווען, ווײַל פּונקט ווי דעמאָלט דיך
אַרט איצטער מיך ווען בענקלעך שטייען ליידיק,
און קינדער באַלעווען אין אויפֿגערוימטער קיך,
און זיצן בײַ דער טעלעוויזיע פֿריידיק.

די ביכלעך ליגן צוגעמאַכט, פֿאַרשעמט,
פֿאַרגעסן הענגט דער אַלף־בית אַ שטומער.
ווי דיר איז מיר דאָס האַרץ אַצינד פֿאַרקלעמט,
ווי דיר אין יענעם זומער.

פענסיאָנירטער לערער

מער גייען אים ניט אָן די סאָבוויס, ניט די באָסעס —
ער וועט צום לערנען ניט פאַרשפעטיקן סײַ־ווי.
אים קלינגט דער זומערטאָג מיט קולבאַקס הייסע קאָסעס,
מיט מאַרקישעס געשריי, מיט קולות פון ניט־הי.

און שטראָפט ער זיך אַליין מיט לערערישע רייד
פאַר זיצן גלאַט אַזוי אין שעה פון האָרעוואַניע —
דאָן האָט דער בוים פאַר אים אַ שאָטן הויך און ברייט,
און ברייטע טאָוולען האָט דער ספר פונעם „תניא״.

פאַרשטעלט ער דאָס געזיכט. אַרום איז שטיין און שטאָל.
די הימלען אָבער זײַנען ווייכע בלויע הויפן.
עס קומען לאַנקעס אָן מיט שטילקייט פון אַמאָל,
און דעקן צו די עוועניוס פאַרמאַטערטע פון לויפן.

אויך תלמידים קומען. אין „סניקערס״ און אין דזשינס.
פון פעטערסאָן, פון ברוקלין, פון מאַנהעטן קומען זיי.
זיי שפּאַנען איבער בלױענדיקע טראָטואַרן גרינס,
זיי נידערן פון גאָרנס שמעקנדיקן היי.

און וואָס ער דאַרף פון זיי אַ קלייניקייט איז נאָר:
אַז ווען זיי וועלן עלטער עלטער ווערן —
זאָלן קולבאַקס קאָסעס קלינגען פאַר זיי קלאָר,
און מאַרקישעס געשרייען זאָלן זיי דערהערן.

מײַן ליד צו ייִדיש

פון ליעסינען, לייוויקן, מאַנגערס אַ שיר,
פון מאַני לייבן דאָס קלאָגן —
שוין הונדערטער לידער פאַראַנען צו דיר.
וואָס קאָן איך מער זאָגן?

האָב איך דײַנע אותיות ליכטיק צעשטעלט
אַנטקעגן פאַרווונדערטע בליקן,
זיי זאָלן אַזוי ווי מיט בלומיקן פעלד,
מיט אותיקער שיינקייט זיך קוויקן.

האָב איך דײַנע וואַרעמע ווערטער גערעדט,
עס זאָלן דײַן אָטעם דערפילן
די סטרונעס פון ליפּן, (אַ לערערס געבעט)
און נעמען אַ היימישדיקס שפּילן.

איך האָב נישט געזונגען קיין לידער צו דיר,
געלערנט בלויז לייענען, שרײַבן.
בלויז צו דײַן הימל געעפנט אַ טיר —
אַ בליאַסק פונעם בלוי זאָל פאַרבלײַבן.

אַ קרעמער אין מאַנהעטן

דאָ שטייען זיי אין גלײַכע שטיינערנע צוויי רייען,
די קראָמען פונעם קײַלעכדיקן מאַרק.
די דאַרע פּורלעך זײַנען דאָ
פּעטע פּינקלענדיקע קאַרס.
זיי אײַלן איבער מיסטן פון פּאַפּיר
אויף גלאַטער בלאָטע, וואָס געוואָרן איז
אַספּאַלט.
און מאָטל עפּל איז געוואָרן
Mike Appel
זײַן שניטקראָם איז ניט מער פאַרלייגט מיט גרויע גרודעס
פּויערישע שטאָפן.
ס'איז ליכטיק דאָ
פון העלן זייד, סאַטין,
פון שפּיגלען און פון לאָמפּן.
פרויען־בלוזעס פּאַכען מיט קאָלירטע פייגל
אַרום זײַן זוניקן געזיכט,
וואָס שמייכלט.
אַזוי געשמייכלט האָט ער ניט אין שניטקראָם,
וואָס איז געשטאַנען אינעם קײַלעכדיקן מאַרק,
מיט דאַרע פּורלעך אין דער בלאָטע.

איך האָב דערמאָנט זיך הײַנט

איך האָב דערמאָנט זיך הײַנט
דער מאַמעס קופערט.
זײַן רונדע דעק,
פאַרלאָפן מיט צוויי אײַזערנע, צוויי שײַנענדיקע
שניטן.
דעם אַלטן ריח פונעם נאַפטאָלין
אין אויפגעמאַכטע מײַלער
פינצטערניש.
איך האָב דערמאָנט זיך הײַנט
דער מאַמעס קלייד אין אים:
אַ גוף,
באַפּאַלן
פון מחנות פאַטשערקעס וואָס זענען אין אונדזערן
גלאָזיקע אַרומגעקראָכן
איבער אַרבל,
פלייצע,
אַזש ביזן ראַנד
פון האַלדז.

איך אַליין געדענק איך ניט,
מײַן מאַמען.

אַ הויפּן בלעטער

דער קליינער פּלויט אַרום דעם בוים
פאַרהאַלטן האָט אַ הויפּן בלעטער,
בלאַסע, בלייכע,
איינגעדאַרטע
שטיקלעך הויט.
אַזוינע האָט מען אין די נאַצישע לאַבאָראַטאָריעס
אַמאָל אָראָפּגעריסן
פון געזיכטער.
אָט דאָס, מיט פלעקן פון אַ ווּנד,
איז פון דער רעכטער באַק
הדסה׳ס.

לידער פון ליבע און פון כעס

איך ווייס ניט ווו

אין שטילער אַוונטיקער שעה,
ווען מײַן געמיט איז שטיל און בלאָ —

(דורך הויכער שויב געוואָלט אַרײַן
האָט נאָך און נאָך אַ שטערן שײַן,

אַרײַן דורך שויב האָט אויך געוואָלט
אַ וואַרעמע לבנה גאָלד)

איז זי געווען — איך ווייס ניט ווו —
און ס'איז אַוועק פון מיר די רו.

ניין

ניין, איך וועל ניט ווערן אַנדערש, ניין.
ליב האָב איך וואָס שטיל איז און וואָס שיין:

דעם שמעטערלינג. דעם רעגן הויך און דין.
דעם גלי פון זומער אויף דער הייסער בין.

ליב האָב איך דאָס מיידל פון טיווי
אין קליידעלע,וואָס לויפט אַוועק פון קני —

אַ ליד מיט פייגל און מיט זונפאַרגיין.
ניין. איך וועל ניט ווערן אַנדערש. ניין.

צוויי פלאַטערלער

נו, גוט. נו, גוט. איך בין דער נאַר.
ביסט נישט געווען מיט אים אין קאַר.

צוויי פלאַטערלער אין פאַרנאַכט
דעם ליגן האָבן מיר געבראַכט.

זיי האָבן זיך געשפּילט, די צוויי,
מיט זיך אַליין אין זונפאַרגיי.

געשפּילט זיך לאַנג. געשפּילט זיך שיין.
און איך — איך בין געווען אַליין.

שלעכטע

איך ווייס: עס וועט נאָך עמעץ זײַן
וואָס וועט מיך רופן: ליבער מײַן.

וואָס וועט נאָך אָנרירן מײַן ליפּ
מיט וואַרעמער, מיט גוטער ליפּ.

וואָס וועט נאָך אָננעמען מײַן האַנט
מיט פרײַנטלעכער, מיט שטילער האַנט.

איך ווייס: פאַראַן פאַר מיר נאָך ווי:
אַ ביסל פרייד. אָ, שלעכטע דו!

פאַלד צו פאַלד

האָסט געלאָזן אויפֿן בעט
דאָס זומערדיקע בלויע קלייד.
די דינע פאַלדן צוגעגלעט,
דער קאָלנער ליכטיק אויסגעשפּרייט.

געטוליעט זיך צום בלוי עס האָט
אַמאָל מײַן קאָפּ אויף דײַנע קני.
(אין דער רעכטער זײַט די נאָט
איז געפּלאַצט פֿון הייסן צי.)

אין דער שאַפֿע, נישט אָן פֿרייד,
איך באַהאַלטן האָב דאָס גיך.
נישט דאָס זומערדיקע קלייד —
דאָס באַהאַלטן האָב איך ד י ך.

אין דער פֿינצטער, פאַלד צו פאַלד,
וועלקן זאָל דײַן הויל געשטאַלט.

אפשר

אפשר בין איך נישט דער נאַר:
ביסט יאָ געוועזן מיט אים אין קאַר.
דאָס פּנים מיט דער האַנט פֿאַרשטעלט.
מיט דער פּלייצע צו דער וועלט.
דײַן שמאָלע פּלייצע אינעם פֿלי
פֿאַרלאָשן האָט אַ שויב אין גלי.
דער שאָטן פֿון דײַן קליינער האַנט
האָט אָפּגעווישט אַ ווײַסע וואַנט.

מיט שאָטנס אַרום

איצטער פאַרשטיי איך פאַר וואָס איך פלעג קומען
נישט צו דער בייט מיט די פאַרביקע בלומען,
נישט צו דעם וואַסער אין זוניקן גלי,
נישט צו די ליכטיקע מעוועס אין פלי.

קומען פלעג איך צו דער ווערבע. אַליין
געשטאַנען איז זי אין אַ גרינעם געוויין.
פאַרהאָנגען איר וועלט מיט די אייגענע צעפּ,
מיט שאָטנס אַרום פון דינינקן קרעפּ.

האַרבסטיקער חלל

מייַן הויז איז אַ האַרבסטיקער חלל. נישטאָ
דער שימער פון שויבן, פון גלאָזוואַרג דער גלאַנץ.
די העלע וואַזאָנע אין זאַל, אויפן דנאָ,
איז איצט אַ פאַרגעסענער פינצטערער פלאַנץ.

נישטאָ איז דאָס זוניקע פּנים פון קינד,
נישטאָ איז די פרוי אין בהלהקן יאָג.
פאַראַן בלויז די פּוסטקייט וואָס בלייַבט נאָך אַ ווינט,
דאָס טראָפּעלע שייַן פון אַ נעכטיקן טאָג.

רויזן

איך האָב צוויי רויזן דיר געבראַכט.
געווען איז מאַי און אָנהייב נאַכט
אין שטילן הויז. ביַים פענצטער האָט
מיט בלומען ליכט געבליט די שטאָט.
אין ענגן האַלדז פון קאַראַפין
האָב איך געגאָסן וואַסער דין,
אַריַינגעטאָן זיי רויט. פאַרווירט
האָסטו די בלומען אָנגערירט.
אויף פינגער — נישט קיין פלאַטער פרייד,
אויף ליפּן — נישט קיין שאָרך פון רייד.

...ביַים סוף פון נאַכט האָט רויט און גרויס
געבליט אין האַרץ די וווּנד — אַ רויז.

נישטאָיִק

איך האָב געהערט ווי עס רעדט היינריך היינע:
מיַין איינע, מיַין שיינע, מיַין ריינע, מיַין קליינע.

שיין איבער אונדז איז געווען דער בוים,
ריין איבער אונדז דער פאַרנאַכטיקער רוים.

דו האָסט געשוויגן נישטאָיִק. אַזוי
ווי שוויַיגן נישטאָיִק עס קען נאָר אַ פרוי.

ווײַט

ס׳האָט ווידער אונדז צונויפגעבראַכט
די פרעמד, דער עלנט און די נאַכט.

אין קלײנער היים אויף הויכן שטאָק
עס שווײַגט דער טעלעפאָן, דער גלאָק.

עס שווײַגט איר מידע ווײַסע האַנט
אין צווייטער שטול אויף גרינעם ראַנד.

בלויז טיף אין מיר אַ ווייטיק שרײַט:
פון שטול צו שטול — און גאַסן ווײַט!

קאָפּ אין קישן

אײַנגעגראָבן קאָפּ אין קישן
טראַכט איך נישט פון דיר.
זאָל די לאַנגע נאַכט פאַרווישן
פאָרעם און קאָליר:

דיך — פון איבער אָפּן ביכל,
פון די ווענט — דײַן גרוי.
און דעם זיגל אויפן ציכל
פון דײַן קאָפּ גענוי.

אַ ריס

דער הימל טרויעריק קאָן זײַן,
כאָטש ער איז בלוי און פֿול מיט שײַן.

לבנה אין איר זילבערפּראַכט
קאָן זײַן אַ ריס אין קלייד פֿון נאַכט.

און זיי — די דימענטענע שטערן —
זענען טרערן, פּראָסטע טרערן.

וועסט נאָך קומען

וועסט נאָך קומען. וועסט נאָך קומען.
נאָך באַגיסן מײַנע בלומען.
וועסט נאָך פּרעסן מײַנע העמדער,
אָבער זײַן וועסטו אַ פּרעמדע.

כ׳וועל נאָך דײַנע פֿינגער גלעטן,
דײַנע שיינקייטן באַטרעטן.
רוען נאָך אין דײַנע שײַנען,
אָבער זײַן וועסטו — נישט מײַנע.

אין רעגן

אַ באַס און אַ צווייטער. דו ביסט נישט געקומען.
דעם רעגן האָב איך פֿאַרן אָרעם גענומען,
איבער פֿאַרנעפּלטע גאַסן געגאַנגען,
אין יאָמער פֿון נאַסע, פֿון פּליוכיקע קלאַנגען.
געטראָטן אויף לאָמפּן, געטראָטן אין שאָטן,
און נעפּל פֿון אייגענעם לעבן געטראָטן.

טויט

די בריוועלעך פון דיר, אָט־די
זיי האָבן מיר געבראַכט:
דערמונטערונג — אַ ציגעלע,
אַ שפּרינגענדיקס (גאַנץ פרי).
אַ פרייד — אַ פלאַטערל (ביַי נאַכט)
אַ פאַרביקס און אַ גרינגס.
איצטער ליגן ביידע טויט
אין גרויסן שופלאַד, לינקס.

כ'וועל בעסער גיין אין פּאַרק

„...די בלוזקע,
איך האָב דערזען אָנגעצונדענע
צוויי וויַיסע לאָמפּן...״
ברוך אָליצקי

כ'וועל בעסער גיין אין פּאַרק.
זיַין מיט בענק,
מיט ביימער,
מיט פרעמדע נעמען איַינגעקריצט אין האַלץ:

John & Carol	Jim & Joyce

אויף די פּאָרן שיַינענדיקע לעמפּלעך
הינטער אַבאַזשורן
פון יונגע בלוזקעס —
וועלן מיך ניט צווינגען
פון דיר צו טראַכטן.

צו דעם לאַנד פון שטיל און שיין

אויפן דנאָ פון פאַרנאַכט

אויפן דנאָ פון פאַרנאַכט
זינק איך קליין און גרוי.
די פּיַיערזון איז מער נישטאָ,
נישטאָ די הימלען בלוי.

געוועז דאָ זאַלן הויך און שיַין,
מיט טעפּעכער פון שיַין.
דורך ברייטע טירן אויפגעמאַכט
בין איך אין זיי אַריַין.

אין יעדן זאַל אַ לאַנדשאַפט איז,
אַזאַ וואָס איין מאָל העלט:
אַ זוניקע אומענדלעכקייט,
אַ חלל פון אַ וועלט.

וויפל וועלטן האָבן דאָרט
געבליט און אָפּגעבליט.
איך גיי און פיל גאָטס שטאַרקע הענט
וואָס אין רילקעס ליד.

וויפל וועלטן האָבן מיך
געלאָזן דאָ אַליין.
אויפן דנאָ פון פאַרנאַכט
זינק איך גרוי און קליין.

אָוונטיקער שאָטן

דער זון איז שוין אַ גרויסער. באַלד
איז אויך די טאָכטער פולע פערצן אַלט.

נאָך לאַנגן טאָג פאַרגייט די זון אין רו.
אין זונפאַרגאַנג מיט מיר, קום, זעץ זיך צו.

איך וועל נישט קושן דיך. נישטאָ שוין דער באַגער.
איך וועל נישט גלעטן דײַנע פינגער מער.

אין לעצטע פלאַמען, זע, עס פאַלן אײַן
בנינים פרעכטיקע פון לופט און שײַן.

און קילער, אָוונטיקער שאָטן פאַלט
אויף יונגע מענטשן, וואָס זיי ווערן אַלט.

אַלט

דער טאָג קאָן ליכטיקער נישט זײַן.
אַלע זיבן הימלען שטייען בלוי
און אָפן.
אויף מײַנע שויבן ליגן טײַכלער שײַן,
און וואַרעמער מאַנהעטן זינגט
מיט גיכע סטראָפן.
אַ ליידי אין אַ גרינעם טיכל
קוקט אַרויף,
זי ווייסט נישט, אַז די פינגער מײַנע זענען קאַלט,
דאָס פנים אַלט,
אַז וואַרעם נאָר אויף מײַנע ליפן איז
דער שטויב פון ביכל.
זי זעט אין מײַנע שויבן טײַכלער שײַן,
זי זעט אין זיי
די הימלען בלוי און אָפן,
און וואַרעמער מאַנהעטן, הערט זי, זינגט,
מיט גיכע סטראָפן.
מײַן זון, נישט איך, קוקט נאָך די מיידלעך אויף בראָדוויי.

די ערשטע ווײַסע האָר

די ערשטע ווײַסע האָר האָט מיך געשראָקן
די צווייטע ווײַסע האָר האָב איך באַהאַלטן אין די לאָקן.
איצטער פאַלן אויפן קאָפּ מיר
בלייכע
דינע
זילבערגלאַנצן,
פון הינטער בערג מיט טונקעלן פאַרגעסן
פאַלן זיי.
דער גלאַנץ פון זילבערשלעסל אויף דער באָבעס מחזור —
צוויי גראָבע שטראַלן,
איינער אויפן אַנדערן פאַרלייגט
ווי קורצע פינגער.
דער גלאַנץ פון שפּיגל אינעם זומערדיקן אַלקער,
וואָס האָט באַוואָרפן מיך
מיט פלאַטשיקע
מיט בלייכע פייגעלעך.
דער גלאַנץ פון אַ דערפרייטער אויפגעשײַנטער שויב,
ווײַל באַלד —
און ס'וועט אַרײַנשווימען אין איר אַ ווײַסע ליכטיקע
לבנה.
די ערשטע ווײַסע האָר האָט מיך געשראָקן,
די צווייטע ווײַסע האָר האָב איך באַהאַלטן אין די לאָקן.
איצטער פאַלן אויפן קאָפּ מיר
זילבערגלאַנצן.
און — נישט מער דערשראָקן,
ביז איך באַלד —
אַ זקן.

אויף די בענק אַרום דעם פּאַרק

זיי זיצן אויף די בענק אַרום דעם פּאַרק,
די עלטערע און אַלטע,
אויף ליגשטולן,
אַרומגעשטעלט מיט גוטע פריינט —
מיט ביימער.
ביימער זענען נישט די קינדער —
זיי גייען נישט אַוועק,
ווען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל מע זאָגט דאָס זעלביקע.
זיי מעגן טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש,
די ביימער,

(די געדאַנקען זייערע — די בלאָע פייגעלעך —
פליִען גאָר אַרויף, אַרויף,
צו אַלטע מויערן אַנטקעגן
מיט אָפּגעשייַנטע מידע פענצטער,
צו האַרבסטיקער פאַרטרערטער זון.)

זיי גייען אָבער נישט אַוועק.
ווי די קינדער זענען גאָר
די קאַרס:
זיי לויפן אָן מיט גאַווהדיקן גלאַנץ,
מיט רויש,
און לאָזן שטיין אין גאַס,
און אין געמיט
אַ ליידיקייט.

*

זיי זיצן אויף די בענק אַרום דעם פּאַרק,
אויף ליגשטולן,
און הערן ווי עס רינט אין זיי
דאָס קילע בלוט
פון האַרבסט,
און הערן ווי עס פאַלן פון דעם בוים
געקנייטשטע
געלע
פנימלער.
בקרוב,

(ווען אײַלנדיקע ווינטן, טויזנטפּיסיקע מיט קעפּ אין שניי,
מיט אויגן — דימענטן פון פראָסט געשניטן —
וועלן ווײַסע זעגלען אויפבלאָזן אין פּאַרק,
ער זאָל — אַ שיף — אַרײַנשווימען
אין אָקעאַן פון ווינטער) —

וועלן זיי אין היימען זיצן וואַרעמע
און וואַרטן,
וואַרטן,
וואַרטן,
עס זאָל דערפרייענדיק זיך אויפכאַפּן
דער טעלעפאָן.

(דער שלאָפנדיקער שוואַרצער הונט,
מיט אויערן אַראָפּגעלאָזט).

אַברהם רייזען

נאָך לאַנגן וואַנדערן אין איינזאַמקייט מיט רילקען,
נאָך לאַנגער חברשאַפט מיט זיבניאַריקן רעמבאָ —
ווי גוט איז איצטער ווידער צו פאַרברענגען
מיט רייזענען, אַ היימישע, אַן אָנגענעמע שעה.

נאָך לייוויקס לידער וועגן אייביקן דערלייזער,
נאָך פעפערס טומלענדיקער טרויעריקער פרייד —
ווי גוט איז איצטער ווידער צו פאַרנעמען
פון רייזענען די פשוטע בלחשדיקע רייד.

די שטעטלער זײַנע אָרעמע, די חיים־יאַנקלער בידנע,
מיט מעשׂים קליינע, ליכטיקע; מיט פּראָסטן גוטן וואָרט.
וואָס דאָס האַרץ פאַרקלעמט זיי אויף אַן אַלטן בוים, וואָס וויאַנעט,
אויף אַ טײַכל, וואָס געוואָרן איז אַ מיסטיק אָרט.

אויב ווו געלויכטן האָט די גוטסקייט פון דער האַרציקער בת־טובים,
איז דאָס בײַ אים געווען, אין זײַנע רייד און שריפט.
לייג צו דעם אויער צו אַ ליד זײַנס, אַ דערציילונג,
דו וועסט הערן, הערן,
ווי די גוטסקייט פון די שורות טריפט.

דער גבול

„איך בין געבליבן שטיין. דאָ איז דער גבול.‟
א. טאַבאַטשניק

אין אָפּיס גאָר איז ער צו אים אַרײַן,
דער טויט — אַ ליכטיק פֿליגעלע פֿון לויטער שײַן.
געשטעלט זיך ווי אַ וואַרעם פֿינטל דאָרט,
ווו ס'האָט גערוט זײַן לעצט געשריבן וואָרט,
איז ער אַראָפּגעפֿאַלן טיפֿער אין דער שטול:
דאָ איז דער גבול. מײַן שײַנענדיקער גבול.
געשטאַנען איז דאָס פֿליגעלע אויף דעם פּאַפּיר
שטיל און שיין. און ווען עס האָט געטאָן אַ ריר
די פֿליגעלעך — געוואָרן איז אַ קאַלטער ווינט,
דער אָפּיס איז געשווומען אין אַ טויטן טינט.

אויפֿן טויט פֿון אַ פּרײַנט

אין אָנדענק פֿון ש. ד. זינגער

וואָס מיינט אַ פּרײַנט? אַן אָפּטער גרוס, אַ שורה,
אַ קלונג אין טעלעפֿאָן, אַ קלאַפּ אין טיר.
דורך סענטראַל-פּאַרק, וואָס שטייט אין זומער-גבֿורה,
פֿאַרבײַ דער אָזיערע אין יולי אַ שפּאַציר.

וואָס מיינט אַ פּרײַנט? אַ חידוש-זאָג אין ייִדיש,
אַ שרײַבער אָנרופֿן, צען יאָר פֿאַרבליט.
דאָס רעשטל ניגון פֿון אַ טאַטנס קידוש,
אויף ביידנס ליפּן משה-לייבס אַ ליד.

וואָס מיינט אַ פּרײַנט? בײַם קאַפֿעטעריע-טישל
מבֿולבל זיצן ביזן האַלדז אין רייד
און וויסן: אויך פֿאַר דיר אַ ברעקל-קרישל
פֿון אַ שבת בײַ אים איז צוגעגרייט.

פֿאַרבלײַבט נאָך דאָ

זיי שטאַרבן אויס, די מיט די ווײַסע קעפּ,
און לאָזן אונדז דערשראָקענע דאָ איבער.
די אונטערערדן ציטערן פֿון בייזע קלעפּ,
אין הימלען עפֿענען זיך פֿײַערדיקע גריבער.

זיי האָבן דאָ נישט לאַנג געפֿירט אונדז בײַ דער האַנט,
און שיינע מעשׂהלעך פֿאַרטרויט אין אויער,
פֿון הײַזער גלעזערנע אין אַ צעלויכטן לאַנד,
פֿון קליינע פֿאַסטעכער און יונגע בויער.

מיר זענען נאָכגעגאַנגען זיי פֿאַרגלייבט און שיין,
ווי גוטע קינדער גייען נאָך די לערער.
איצט שטאַרבן זיי, און לאָזן אונדז אַליין,
און רעדן נישט, און חלומען נישט מערער.

און ווער פֿון אונדז עס פֿירט נאָך זיך אַ קינד,
און ווער תּלמידים פֿירט מיט קלאָרע אויגן. —
פֿון וואָס דערציילן זאָלן מיר אַצינד,
ווען יונגע אויערן צו אונדז זיך נויגן?

פֿאַרבלײַבט נאָך דאָ, איר מיט די ווײַסע קעפּ,
פֿאַרבלײַבט נאָך דאָ. עס שרעקן
הימלען פֿײַערדיקע, פֿון אונטערערד די קלעפּ,
און ס'נעמט אַ ווײַסקייט אויך בײַ אונדז די קעפּ פֿאַרדעקן.

די באָבע פּינע

די באָבע פּינע האָט געהאַט צוויי טעכטער,
צוויי פרויען ערלעכע, צוויי פרויען פרומע.
איז אָבער גאָט געווען צו איר אַ שלעכטער
און ביידע האָט ער פון איר צוגענומען.

די ערשטע, אַ געראָטענע און קלוגע,
האָט אויסגעצאַנקט אין שיַין פון שווינדזוכט גיכער.
די צווייטע איז געוואָרן איר משוגע
פון צופיל ליכט וואָס בלענדט אַרויס פון ביכער.

די באָבע האָט זיך נישט באַקלאָגט: דאָס איז גאָטס רצון,
דעם בייזן גזר האָט ער אַרויסגעגעבן.
אויף דער געראָטענער האָט גראָז גענומען שפּראָצן,
די קראַנקע אירע איז געבליבן לעבן.

און דאָס, נאָר דאָס, האָט זי געבעטן שפּל
ביַי דעם אַלמעכטיקן און גנעדיקן באַשאַפער:
גיב כּוחות מיר צו שיילן די קאַרטאָפל,
דעם טעלער זופּ דערטראָגן צו דער שלאָפער.

שטילינק-שטיל האָט זי גערעדט, אין שטאַמל,
מיט הויכע רייד, חלילה, אים נישט צו דערקוטשען:
שענק יאָרן מיר צו זיַין פאַרשעמט אַ מאַמע,
ווי לאַנג עס וועט זיך די געשטראָפטע מוטשען.

גרינג געווען איז איר אין לעצטן דרימל,
אויף עלנט בעט, אָן ביידע אירע טעכטער:
ביסט פול מיט רחמים, גרויסער גאָט אין הימל!
ביסט פול מיט רחמים, גאָטעניו גערעכטער!

אַ יאָרצײַט־ליכט

גאָלדן פלאַטערל פון פײַער,
ווילסט אַוועקפליִען פון קנויט.
האַלט דיך צו אַ פעלד פון חלב
און פון גלאָז דער רונדער פלויט.

גאָלדן פלאַטערל פון פײַער,
ס'האָט דער ווייטיק דיך געבראַכט
נאָך די ליבסטע, נאָך די בעסטע,
וואָס פאַרשלונגען האָט די נאַכט.

גאָלדן פלאַטערל פון פײַער,
זייער אָנדענק, שטיל און ריין,
מאַכט דיך אין דער גלאָז מיט חלב
ווי אַ זון אין תּפיסה — שיין.

לוויה

קאָרס קענען אויך זײַן שטיל. דורך ברייטע עוועניוס
שלעפּן זיי זיך שוואַרץ און ברייט,
ווי פלאַטשיקע אינזעקטן. מיט קילע וואַסערדיקע אויגן
שווײַגן זיי צו אײַלנדיקע פּיס,
צו גיכע רעדער.
באַלד וועלן זיי אַרײַנקומען אין לאַנד
פון רײַפע בלעטער, פול מיט קלוגע קנייטשן,
פון וואָרצלען, קלוג באַהאַלטן אין דער ערד.
די הערצער קלאַפּן בײַ זיי שטיל,
נישט אויפגערעגט.

ברידער

מײַן דריטער ברודער
איז אַ בערגל ערד געוואָרן
אין קרית־שאול.
די צוויי פּאָר אים,
אין גריבער פון פּאַלעסיע,
זענען לאַנג שוין
נעפּלען.
זיי ציִען איצט
צו אים.
באַלד —
און ס'וועלן ברידער צוויי פאַרהילן
זייער ברודער.

אין ראַטנע, ליאַכאָוויץ, אין תּל־אָביב,
בליִען מײַנע ברידער מיט אַ ווײַסן
צוויט.
עס טריקנט זיי
די זון פון פינצטערניש;
עס דעקט זיי צו דער שטויב
פון שטילקייטן.
און זיי —
זיי בליִען,
בליִען ווײַס מיט יעדן זייער ביין.

פון ראַטנע, ליאַכאָוויץ, תּל־אָביב,
שווימען זיי,
די טויטע פּנימער פון מײַנע ברידער:
שׂמחהס — אויף אַ פּאַליצע,

פאַרלייגט
מיט גרויע גויעשע געוואַנטן,
ווי קנוילן כמאַרעס.

ברוכס —
ווי אַן אויפגעגראָבענע פון גרוב
לבנה.
אויף לייבלס מאַטערט זיך אַ בליאַסק
פון לעצטן זונפאַרגאַנג
אין תּל־אָביב.

קיין ראַטנע, ליאַכאָוויץ, קיין תּל־אָביב,
כ׳וועל אָנקומען:
אַ שטויבעלע,
אַ שײַן,
אַ טוי.
און ווײַטער בלײַען וועט דער צוויט
פון מײַנע ברידער.

איך קען אַ שטילע שטאָט

איך קען אַ שטילע שטאָט. די קליינע מויערן
סאָלידע, האַרטע, פון געזונטן שטיין.
זיי האָבן נישט קיין פענצטער, טירן, טויערן,
נאָר שטייען אָפענע. און שטייען שיין.

אַ ליכט איז איבער זיי, וואָס שפרייט אַ יום־טוב
אַרום דעם אויסגעטאָקטן גלאַטן שטיין.
פון אַלעם גוטן איז פאַר די, וואָס ווינען:
פון זיסן גראָז ביז הימלען פריש און ריין.

זיי ליגן רויִקע. זיי ליגן שטילע,
די שוועל באַוואָרנט מיטן שטאַרקן שטיין.
און די, וואָס קומען, זענען נישט פון זיי נאָך:
זיי קענען ריידן נאָך. און קענען גיין.

מיר איַילן אַלע צו דער שטאָט. מיר וועלן קומען.
און וועלן רוען אונטער שטילן שטיין.
די קליינע מויערן, אָן פענצטער און אָן טירן,
וועלן איבער אונדז אין יום־טוב שטיין.

די לידער פון מײַן ברודער ברוך

די לידער פון מײַן ברודער ברוך,
די נישט־פֿאַרבליבענע,
די נישט־געשריבענע:
פון קראַנקער זון, וואָס ליגט אַ שטאַרבנדיקע
צווישן ביימער אויפן וועג קיין מאַציעוו
(זי האָט אַ וואָלקנדל אויף הייסן שטערן,
ווי אַ קאָמפּרעסל);
פון אַ צימערל אויף ענגער קאַרמעליצקע,
וווּ געשפּינט עס האָבן צוויי:
אַ שפּין איר שפּינוועבס,
און אַ דיכטער — טרוימען;
פון לעצטע ייִדן אין אַ האַרבסטיק שטעטל,
וואָס האָבן ביי אַ גרוב צופוסנס,
געשריגן זייער לעצט געשריי
צו זיבן פוסטע גריבער
אויבן.
די לידער פון מײַן ברודער ברוך
ווילן אַז איך זאָל זיי וויינען,
זיפצן,
שעפּטשען —
וויי איז מיר!
איך קאָן דאָס מינדסטע קלאַנגל זייערס
נישט אַרויסברענגען.

*

וואָלט איך כאָטש געוווּסט דעם טאָג
ווען אָנצוצינדן אין אַ יאָרצײַט־גלאָז
דעם טרויער,
נאָך דיר.

וואָלט איך כאָטש געקענט אַ מאָל
אָנרירן די פּלייצע
פון אַ מצבה,
איבער דיר.

*

דו האָסט געזאָגט צו דײַנע שילער:
עס האָט די שול אײַך אָפּגענאַרט.
דער גרינער טאָל האָט נישט געוואַרט
אויף אײַער פרייד.
פאַר אײַערן געביין האָט ער געהאַט
די ראָוון גרייט.
געחלומט האָט זיך אים געוויין
אויף זאַנג,
אויף בלאַט,
געשריי פון עופעלער.
און נישט קיין שטיפעריש געזאַנג,
און נישט קיין לאַך.

*

פאַר דײַן וויי —
דערנער אויפן פעלד בײַ זיי,
ברונעמס ליידיקע פאַר זיי —
פאַר דײַן וויי.
פאַר דײַן פּײַן —
זאָל דער טאָג זיי פינצטער זײַן,
זאָל קיין פרייד פאַר זיי נישט זײַן —
פאַר דײַן פּײַן.
פאַר דײַן צער —
קיין זכר נישט פון זיי דערפאַר,
קיין באַוויינער נישט דערפאַר —
פאַר דײַן צער.

ברוך אָליצקיס אָפּגעפּונענע לידער

ברוך אָליצקי אין 1937
מיט קינדער פון דער ייִדישער שול אין זשעטל (פוילן)

ברוך אָליצקי איז געווען בלויז 34 יאָר אַלט, ווען עס זענען געקומען די נאַציס. אין זײַן קורצן לעבן האָט ער אַ סך געשאַפן און געדרוקט, אָבער קיין בוך נישט אַרויסגעגעבן. ערשט אין יאָר 1951 איז דערשינען אין ניו־יאָרקער „איקוף"־פאַרלאַג „מיין בלוט איז אויסגעמישט", לידער און געזאַנגען. 12 זײַנע לידער זענען אין דער זאַמלונג „לידער צו אַ ברודער", תּל־אביב, 1964. עס איז מיר געלונגען אויפצוזאַמלען נאָך 11 לידער זײַנע און אויך איין דערציילונג. ווער ווייסט וויפל נאָך שאַפונגען זענען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע זשורנאַלן און צײַטונגען פונעם פאַר־מלחמהדיקן פוילן: אין וואַרשעווער „שפּראָצונגען", ווילנער „דער טאָג", לאָדזשער „דער קוואַל" און אַנד.

איך וועל ווײַטער זוכן. דערווײַל זאָל די זאַמלונג אָפּפרישן זײַן אָנדענק און זײַן נאָך אַ זכר פון מײַן ברודער וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס און וואָס קיינער ווייסט נישט ווו און ווען.

מ. אָליצקי

ברוך אַליצקי — אַ תלמיד פון דער עלעמענטאַר־שול

...„אַ שטיקל צייט, שוין כמעט פאַרן פאַרענדיקן די שולע, האָט צוזאַמען מיט אונדז געלערנט ברוך אַליצקי פון טריסק, וועלכער איז דער־נאָך באַוווּסט געוואָרן ווי אַ טאַלאַנטפולער דיכטער און וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס אין סאַמע בלי פון זײַן לעבן און שאַפן. ער איז געווען אין ראַטנע ביי זײַן פעטער, דעם איידעלן און ליב־לעכן ייד, דעם משׂכיל און איבערגעגעבענעם ציוני אָשר לעקאַר.

אין יענער צײַט האָט דער לערער, צו דער איבערראַשונג און שטוינונג פון די ראַטנער פרומע יידן, אָנגעהויבן צו לערנען מיט אונדז משניות „בבא קמא". פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם לערנען האָבן מיר געדאַרפט האָבן ווער ס'זאָל אונדז אַרויסהעלפן בײַם איינחזרן אַ פרק משניות, און גראָד וואָלטן כמעט אַלע פאָטערס געקענט אַרויסהעלפן זייערע קינדער אין דעם לימוד, זיי האָבן אָבער געהאַלטן אַז ס'איז אַן אומזין, און אפשר אַ פּחיתת הכּבוד פאַרן הייליקן לימוד, צו לערנען אים מיט מיידלעך, און אויס פּראָטעסט נישט געוואָלט צוהעלפן די קינדער (מײַן פאָטער איז שוין דאַן נישט געווען צווישן די לעבעדיקע). ברוך אַליצקי האָט דעמאָלט שוין געקענט משניות, ווײַל פאַר זײַן קומען קיין ראַטנע האָט ער געלערנט אין טריסק אין אַ חדר. פלעגן מיר אים שטענדיק בעטן ער זאָל מיט אונדז אײַנחזרן די לעקציע. און ער, אַמאָל מיט גוטן ווילן, און אַמאָל אפשר מיט באַדויערן, וואָס ער האָט געמוזט מוותר זײַן אויף דער געלעגנהייט צו זײַן כמעט דער איינציקער וואָס קען גוט די לעקציע, פלעגט ער מיטן שיינעם טראַדיציאָנעלן גמרא־ניגון, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון חדר, מיט אונדז לערנען אַ סוגיא פון רשות הרבים און רשות היחיד, פון שומר חינם און שומר שכר.

נאָך זײַענדיק אין ראַטנע האָט ברוך אָנגעשריבן אַ פּאָר שירים און געוויזן דעם לערער קצקר, און ער האָט אים געגעבן אַ גוטע מיינונג וועגן זיי. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי אונדז, קינדער, רעספּעקט צו אים, אָבער דאָך האָט עס אונדז נישט געשטערט צו וויצלען זיך מיט אים פאַר זײַן שרײַבן מיט דער לינקער האַנט, און פּראָטעסטירן פאַרן פאַרנעמען בעתן שרײַבן אַ טאָפּלט פּלאַץ בײַם אַזוי אויך נישט גערוימען טיש.

אַ קורצע צײַט נאָך ברוכס פאַרלאָזן ראַטנע זענען דערשינען זײַנע לידער אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און אַנדערע אויסגאַבעס. אונדז האָט באמת הנאה געטאָן און ס'איז אונדז פאַרבליבן אַן אָנגענעם געפיל פון דער צײַט ווען ער איז געווען אונדזערער אַ שול־חבר."

(ברכה כהן: זכרונות, יזכור־בוך ראַטנע. בוענאָס־איירעס 1954)

*

כ׳האָב געקושט אירע בריסטן,
כ׳האָב געביסן אירע בריסטן,
כ׳האָב זיך געשוואָרן,
אַז איך טו עס אומיסטן,
און אַלץ וואָס איז טייַער,
פאַרשוועכן, פאַרוויסטן.
ווייַל איך מוז ווערן געבוירן
אַ נייַער,
אין מיסטן,
אין פייַער.

גייט אַ לאָבוז איבער גאַסן

גייט אַ לאָבוז איבער גאַסן און ער זינגט אַ ליד אַזאַ:
ברען, דו וועלט, מיט מיר אין איינעם, טו־טו־טו — און אַ־צאַ־צאַ.
ווייַל אין האַרצן זיצט אַ שדל הייסט עס: עקל,
עקל־שנעקל האָט אַ צינגל, זאָגט דער עקל: טו־טו־טו און אַ־צאַ־צאַ —
אַז די וועלט איז אַ פאַסקודנע ווייסן אַלע, נאָר ס׳איז שאַ.
טרעפט דער לאָבוז אַ פּראָפעסאָר, לאַכט ער און ער זאָגט אַזוי:
ברען דעם קאַרק פּראָפעסאָר־פּרעסער,
ווייַל דייַן קאָפּ איז פול מיט שטרוי.
טרעפט דער לאָבוז אָן אַ דאַמע, טוט ער אויס דאָס קלייד פון איר,
ווייַל די באָבע חוה ז׳קליגערער פון איר.

ווייַל די פויגלען קריגן עסן, און זייַן האָבער קריגט דאָס פערד.
גייט אַ לאָבוז איבער גאַסן און ער זינגט אַ ליד אַזאַ:
ברען, דו וועלט, מיט מיר אין איינעם, טו־טו־טו און אַ־צאַ־צאַ.

מעזריטש, 1930, 12טער נאָוועמבער.

אין אַ ליטוויש שטעטעלע

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

I

מיט טרערן אויף ווִיעס, פון וואַרשעווער ראָגן,
צום ליטווישן שטעטל אין גאָלדענע זאַמדן;
און יעדערער פרעגט דאָ וואָס האָט אים פאַרטראָגן,
און וואָס איז זײַן קומען, און וואָס איז זײַן זײַן דאָ.

איר וועט נישט פאַרשטיין מײַנע בערדיקע ברידער
מיט ריח פון פיש און מיט אָטעם פון היגלען,
אַז איך וועל דערציילן איַך ווידער און ווידער
פון די וואָס אַנטלויפן פון פּאַוויאַק און ריגלען.

אַז איך וועל דערציילן פּראָסט-פשוט פון הונגער,
פון שטורעם וואָס טויבט אויף אין בלוט אַזוי צײַטיק,
וועט איר דאַך אַלץ טראָגן דעם שבת אויף פינגער.
אין שעה ווען עס זעגנט מיט טומל זיך דער פרײַטיק.

טאָ וואָס זשע טויג ריידן, און וואָס איז דער ווונדער,
מיט סמאָטשע, מיט פּאַוויע, מיט דזשיקע און מילע,
אַזוי־אָ אין איינעם, אַזוי־אָ באַזונדער
אין ליטווישן שטעטל ביי וועלדעלעך שטילע.

II

זינגט אַפּריל בײַ שויבן, און שיין איז די געגנט,
אַזיערעס, וועלדער און היגלען און טאָלן;
עס האָבן מײַן עלנט שוין לאַנג נישט באַגעגנט
זאַפטיקע קנאָספּן פון שלאַנקע טאָפּאָלן.

זע „מײַן בלוט איז אויסגעמישט”, זײַטן 88, 89.

גוט מאָרגן אײַך שטאָלן, שטילפֿרײדן אײַך פּלויטן,
אַן אורח געקומען אַהער אויף אַ ווײַל איז
מיט חלום פֿון שטערן, מיט חלום פֿון ברויטן,
מיט אײנציקער תּשובה אויף טויזנטער שאלות...

איין אַזױערע װיגט זיך אַ גרינע אינגאַנצן,
איר האָט נישט געזען אַזאַ און אַזױנע —
אַ גרינע פּאַטשײלע מיט זילבערנע פֿראַנזן,
אַזש סאָסנעס זיך אָפּגעשטעלט האָבן דאָ שטוינען.

אַ שטיין אַ גוואַלדאָוונער, אַ שטיין אַ געהײמער,
מיט קרעץ אויפֿן נאַקן, מיט װוּנדן אין זײַטן,
דרימלט פֿאַרבאָרגן צווישן די ביימער,
אַזוי ווי אַ חיה פֿון אוראַלטע צײַטן.

דרימלט אַזוי זיך אין שויס פֿון די גראָזן,
און וויל נישט פֿאַרטרויען די סודות פֿון יאָרן —
ווער האָט עס די גרינע פּאַטשײלע געלאָזן,
ווער האָט עס די גרינע פּאַטשײלע פֿאַרלאָרן.

ס'איז שיין דאָ... נאָר אומגעריכט הייבט עס אָן קראַכן,
און ריזיקע זשוקעס פֿאַרזשומען די רוימען,
האַ-האַ, אַ השערה: מ'לערנט אויס סטאַכן
צעטרעטן די טאָרבע מיט פֿריידיקע זוימען.

מ'קנעלט-אײַן דאָ סטאַכן צו צילן און טרעפֿן,
עס עבאָן די שאָסן מיט טונקעלן ריטם, —
ווי פֿינצטערע קעלערס די אויגן איך עפֿן,
און זע, אַז עס פּלאַטערט אין בלוט מײַן געמיט אום.

III

נאָכגיין דעם אייגענעם שאָטן אַזוי־אַ
מיט שלעסל אויף ליפּן, ווי קען נאָך זײַן שווערער! —
מײַן האַרץ האָט צעפּראַלט איצט דעם זיבעטן טויער,
און וואַרט אויפן אָנקום פון ליכטיקן הערער.

איך טרוים זיך אַ פרײַנד אויס, איך גיב אים אַ נאָמען,
איך וויל בלויז געטרײַ זאָל זײַן אויער מיר דינען;
פּיאָלקעס שוין גריסן אים, זע איך: ווילקאָמען,
און שענקען פאַר שׂמחה די קרוינדעלער — בינען.

עס שטייען אומזיסט נישט הושענות באַלאָדן
אויף הענט און אויף אַקסל מיט זילבערנע לאַסטן, —
זיי האָבן דערהערט, אַז ס'האַלדזט אים מײַן לאָדן,
און באַלד זיך פון בשׂורה געקעצלט און: באַסטאַ!

איך וועל אים פאַרטרויען פון אַלץ און פון אַלעם,
די אַלטע, באַקאַנטע, די פינצטערע מעשׂה,
פון ווערן געטריבן בײַנאַכט פון וואַקזאַלן,
און זוכן מנוחה אין בעט פון דער ווײַסל.

פון איינעם וואָס האָט שוין געהאָט ווען פאַרלוירן
אין טיפער פאַרצווייפלונג די מענטשלעכע צורה,
און שטייט גאָר אַ נײַער, אַ נײַער געבוירן
מיט אמתן גלויבן אין אונטערשטער שורה...

אַ באָטשאַן שווימט דורך ווי אַ שיפל מיט וועסלעס,
ער ברענגט אים דעם פרײַנד שוין, ווי קען עס זײַן אַנדערש —
ווער ס'האָט נישט געטראָגן פלאַקאַטן מיט וועסנע,
דער ווייסט נישט דערנאָכדעם דעם עלנט און וואַנדער.

איגנאַלינע, 1935

לחיים, לחיים, מײַן שײנע מאַדאַנע

לחיים, לחיים, מײַן שײנע מאַדאַנע,
אַ כּוס נאָך אַ כּוס זופּ, מײַן הײליקע כּלה.
דו שרעקסט זיך, דו ציטערסט און בײגסט זיך
צו מיר, װי אַ פלאַטערדיק בלאַט אָן.
אַ רעטעניש איז דיר דאָס כּתב פונעם װײטיק
אויף בלאַסן פּאַפּיר פון מײַן פּנים;
ס׳איז אַנדערש װי אַלע —
נו, האָב נישט קײן מורא. לחיים, לחיים,
און שפּײַ אויף דער װעלט און אַ רוח אין איר טאַטן!
אַט נאַ דיר דעם בײַטל — מײַן גאַנצן פאַרמעגן.
איך װיל גאָרנישט זאָגן,
איך װיל גאָרנישט פרעגן.
איך האָב שױן געפונען דײַן שנירעלע פּערל
בײַם שײַן פון לאַמטערנעס אויף זינדיקע ראָגן...
כ׳טראָג עס, דאָס הײליקע שנירעלע פּערל,
אויף האַלדז מײַן פאַרבאָרגן —
אוי, מאַמעניו, מאַמע, אַט װער איך דערװאָרגן...
לחיים, לחיים, אַ, אָרעמע זונה,
אַראָפּ מיט די טרױער־כאַלאַטן,
נישטאָ װאָס פאַרלירן.
קום, לאָמיר זיך לאָזן אין גאַסן שפּאַצירן,
(ס׳גײט אויף דער מולד: דײַן דראָזקער פינגער)
און שפּײַען אויף דער װעלט, אַ רוח אין איר טאַטן!

מעזריטש, 15.XI.1930

ישעיהו

דו העלזעער העלער, דו זון פון באַגינען געווינער,
מיט פריידיקע גלעקלער אויף פּיַיקל פון האַרצן אַ כלאַפּ אַ וואַלינער
רופט יעדן און גלעקלט צו וואַרטנדיק ברויטל ביַי דיר פון באַגינען.
מיַינע אַפּלען — בינשטאָקן, דיַינע וויזיעס און זעונגען — בינען.

אַז פּיַיקל איז פריידיק מיט גלעקלער באַהאָנגען,
אַז בינשטאָקן האָבן שוין בינען געפאַנגען —
ווי זאָל איך די גלעקלער די פרייד נישט פאַרגינען?
ווי זאָל איך נישט וועקן צו ברויט און באַגינען?

היי אַלע, היי אַלע, היי וועלפלער, היי ציגן,
קומט עסן דאָס ברויטל, ס'וועט אַלע גענוגן!

און מאָלט זיך נאָר אַלץ אַזאַ גרויזאַמע מיל דאָ?
און בליִען כסדר נאָר וויַינטרויבן ווילדע? —
נו, זאָל זי זיך מאָלן, נו, זאָלן זיי בליִען,
זיי וועלן מסתּמא אַ סוף שוין דערציִען.

דו העלזעער העלער, דו זון פון באַגינען געווינער,
סע רופט צו דיַין מאָלציַיט אַ כלאַפּ אַ וואַלינער...

מעזריטש, 24.XI.1930

כוועדקע קלערט און טוט

נעמט כוועדקע זיך קראַצן און חקירהט און קלערט,
ס'איז עפּעס אַ קשה אויף זינדיקער ערד:
צו וואָס אָט דאָס הויז וואָס מע בויט און מע בויט,
אַז גוט איז אַ כאַטקע, אַ סעדל, אַ פּלויט.
קראַצט כוועדקע זיך שטאַרקער און חקירהט און קלערט,
אַז קליגער פון אים איז דער ווײַדל פון פערד.
אָט די־אָ וואָס שלעפּן פאַר יענעם דאָס ליים —
היי, כאַרטן, איר האָט דאָך אַליין נישט קיין היים!...
און יענעם, דעם רײַכן, וואָס טויג אַזאַ הויז?
דער טויט איז נישט גלײַך צו קיין האָז און קיין מויז,
אוי, וועסטו אים נאָכגיין, במחילה, דו צאַפּ!
ער וועט, ווי אַ בער, דיך אַ נעם טאָן, אַ כאַפּ.
קראַצט כוועדקע דעם הינטן, קראַצט יענץ און קראַצט דאָס
און שרײַט מיט אַ מאָל אויס צום ווײַב פון פאַרדראָס:
היי, באָבע, דו פּאַדלע, איך קראַץ זיך און קראַץ,
און דו פּאָפּסט און כראָפּעסט אַזוי ווי אַ קאַץ.
זיי וויסן, פאַרשטונקענער הינטישער ביין,
איך לאָז זיך צוריק אין דער שטאָט אַרײַן גיין.
איז כוועדקע געקומען אין שטאָט שפּעט בײַנאַכט,
האָט לאַנג נישט געקלערט און האָט לאַנג נישט געטראַכט,
אַ פײַער צעלייגט בײַ דער וואַנט פון אַ הויז
און מילד זיך צעשמייכלט: סע בליט ווי אַ רויז!...

מעזריטש, 29.XI.1930

אומעט

כ׳האָב הײַנט אין דער פרי נישט געוווּסט ווו איך זאָל אַהינטאָן דעם אָסיען,
וואָס האָט פאַרקליבן זיך אין מײַנע אויגן,
ווי אַ גרויער שטשור.
— תּלמוד־תּורה־ייִנגעלע!
— ליידיק זענען מײַנע קע־קע־קעסעניס,
ניסטאָ קיין ראָזינקעס מיט מאַנדלען,
ווי־ווי־ווילסטו, אַז איך זאָל די קע־קע־קעסעניס
מיטן סטסור פאַרלייגן?

— וואַסערטרעגער!
— כ׳טראָג דאָ מײַנע בידנע יאָרן אין די עמער
גלייך ווי הונגעריקע קעץ דערטרונקען,
און קעץ דערטרונקענע דאַרפן אָט אַפּנים נישט קיין שטשור...

— בערשטער!
— גרויע זענען מײַנע חזיר־האָר
און גרויער נאָך אויף קאָפּ מײַן קרוין
וואָס איז גרויקייט שטשורישע
אַנטקעגן גרויקייט פון די ביידע?

האָט אַדורכגעאײַלט אַ יונג מיידל,
וואָס האָט טרויעריק פאַרשפּיליעט זיך די בלוזקע
און איך האָב דערזען אָנגעצונדענע צוויי ווײַסע לאָמפּן,
האָב איך איר דעם שטשור אַהין אַריינגעוואָרפן
און ס׳האָט אין מײַנע אויגן תּיכּף אויפגעבלויט
אַ וועלדעלע מיט ווּעסנעדיקן בעז...

מעזריטש, 1931

אונדזער הויף

בלאָנדע זונען זונען אויף,
רויטע זונען זונען אָפּ!
און אין אונדזער בידנעם הויף
בלײַבט קיין שפּור פֿון זייער גאָב.

יונגע יאָר מיט ווײַסע קעפּ
ביטערניש אין קינדערס בליק,
קלאַפּט מאַשינען: שטעפּ, שטעפּ, שטעפּ,
הילכט דער האַמער: טיק־טאַק־טיק.

ווער האָט אָפּגעשניטן, זאָג,
אונדזער הויף פֿון וועלטס געהעל?
ווער האָט אָפּגעהאַקט דעם טאָג
הענט און פֿיס בײַ אײַער שוועל?

שטעפּ־שטעפּ, שטעפּ, טיק־טאַק־טיק
איבער שטאָק און איבער שטיין.
זע: אויף גראָבן שוואַרצן שטריק
הוידעט זיך דער טויט אַליין.

בלאָנדע זונען זונען אויף,
רויטע זונען זונען אָפּ.
ס׳איז אַ קללה אונדזער הויף
מיט אַ לאַנגן גראָען צאָפּ!

לאָדזש, 1939

שפּילן זיך בלאָנדינקע קינדער אין זאַמד...

שפּילן זיך בלאָנדינקע קינדער אין זאַמד.
די פינגער פאַרברוינט און די באַקן צעפלאַמט, —
אַ בערגעלע דאָ־אַ, אַט דאָרטן אַ גריבל,
פון אונטן דער אויוון און אויבן דאָס שטיבל.

שפּילן זיך בלאָנדינקע קינדער אין זאַמד.
די פינגער פאַרברוינט און די באַקן צעפלאַמט —
און ריווע קאַראַפּוזיק, אַ מיידים אַ מויד,
געוועט זיך די ערשטע פאַרקנעטן דאָס ברויט!

שפּילן זיך בלאָנדינקע קינדער אין זאַמד.
די פינגער פאַרברוינט און די באַקן צעפלאַמט —
אַ נעם און אַ שיט, און אַ מיש און אַ קנעט,
און אַט איז שוין פאַרטיק געבעקס צו דער זעט.

לאָדזש, 1939

זינגט דער טאַרטאַק

זינגט דער טאַרטאַק: טאַטאַ־טאַטאַ,
זינגען מיט אין כאָר די וועגן, —
ברענגט אַ פריילעכער דער טאַטע
שמייכל־ציין פון בלאַנקע זעגן...

זינגט נישט טאַרטאַק: טאַטאַ־טאַטאַ,
ווילט זיך יעדן עפּעס פרעגן:
אַז פאַרזאָרגט איז אייער טאַטע,
גייט אויך ביי אייך אין האַרצן אַ רעגן?...

„גרינינקע ביימעלעך“, 1939

אַ לידעלע

טרילערל, דו טרילערל,
צעטרילער זיך, צעטרילער —
וועט זיך אויפכאַפּן קאַיאָר
אַ פרישער און אַ קילער.

הענדעלע, רויט־פּענדעלע,
צעפּאָך די פליגל, קרייער —
וועט אַ ציטער טאָן די טשופּרינע
פון שלאָפנדיקן זייער.

ווינטעלע, דו ווינטעלע,
צעוויג, צעוויג דאָס עמערל,
וועט אַרויס צום ברונעמל
די קליינע, שיינע טעמערל.

וואַסערל, דו וואַסערל,
קוועל אָן, צעשפּראָץ די ציבעלע,
וועט ווערן זיס און פרילינגדיק
בײַ טעמערלען אין שטיבעלע.

„גרינינקע ביימעלעך", 1939

אינהאַלט:

לידער פון פריִער און פון איצט	7—52
לידער פון ליבע און פון כעס	53—63
צו דעם לאַנד פון שטיל און שיין	63—83
לידער פון ברוך אָליצקי	81—95